ב"ה

English

# ליקוט ניגונים

*- חלק א' -*

**שנוגנו ונתבארו ע"י**

**כ"ק אדמו"ר מלך המשיח**

*

ליקוט ניגונים חלק א' - קה"ת, י"א ניסן ה'תשנ"ב
ליקוט ניגונים חלק ב' - קה"ת, ל"ג בעומר ה'תשנ"ב

---

**לוח המפתחות לחלק א':**

**פתח דבר (חלק א')**

"עשרת הניגונים" שנוגנו ונתבארו ע"י כ"ק אדמו"ר מה"מ
ב"שמחת תורה" דשנות תשט"ז - תשכ"ד:

**א) [3] דרכך אלקינו (תשט"ז)**

משיחת ליל שמח"ת (אחרי הקפות - לפנות בוקר) תשט"ז
משיחת יום שמח"ת תשט"ז

**ב) [5] כי אנו עמך [שתי בבות] (תשי"ז)**

משיחת ליל שמח"ת (אחרי הקפות - לפנות בוקר) תשי"ז

**ג) [6] צמאה לך נפשי - עך טי דורין מארקא (תשח"י)**

משיחת ליל שמח"ת (אחרי הקפות - לפנות בוקר) תשח"י
ממכתב כ"ה טבת תשח"י
משיחת מוצש"ק פ' בשלח, י"א שבט תשח"י
משיחת ש"פ דברים, חזון, ט' מנ"א (נדחה - ויהפך לשמחה) תשמ"ח

**ד) [7] שאמיל (תשי"ט)**

משיחת ליל שמח"ת (אחרי הקפות - לפנות בוקר) תשי"ט
משיחת יום שמח"ת תשי"ט
משיחת ש"פ בראשית, מבה"ח מ"ח תשי"ט

**ה) [8] רחמנא דעני (תש"כ)**

משיחת ליל שמח"ת (אחרי הקפות - לפנות בוקר) תש"כ

**וא"ו) [9] אתה בחרתנו (תשכ"א)**

משיחת ש"פ בראשית (אסרו חג דשמע"צ ושמח"ת - התוועדות א') תשכ"א

**ז) [10] אנעים זמירות (תשכ"ב)**

משיחת ליל שמח"ת (אחרי הקפות - לפנות בוקר) תשכ"ב

**ח) [11] סטאוו יא פיטו (תשכ"ג)**

משיחת ליל שמח"ת (אחרי הקפות - לפנות בוקר) תשכ"ג

**ט) [12] כי אנו עמך [בבא אחת] (תשכ"ד)**

משיחת יום שמח"ת תשכ"ד

יו"ד) [13] הוא אלקינו (תשכ"ד)

משיחת יום שמח"ת תשכ"ד

* * *

ניגונים שנוגנו ונתבארו ע"י כ"ק אדמו"ר מה"מ
בהזדמנויות שונות בשנות תשי"ד - תשל"ד:

י"א) [1] צמאה לך נפשי - לכ"ק אדמו"ר הזקן (תשי"ד)

משיחת ש"פ קדושים, מבה"ח אייר תשי"ד
משיחת אחש"פ תשי"ז
משיחת י"ב תמוז תשכ"ג
משיחת ח"י אלול תשל"א

י"ב) [2] והיא שעמדה (תשט"ו)

משיחת ליל ב' דחה"פ תשט"ו

י"ג) [4] אסדר לסעודתא (תשט"ז)

משיחת ש"פ חו"ב, י"ד תמוז תשט"ז

י"ד) [14] האדרת והאמונה - במנגינת ה"מארסעליז" ([בעת הקפה ד' דליל שמח"ת] תשל"ד)

משיחת ש"פ חו"ב, י"ב תמוז תשמ"ט
משיחת ש"פ וישב, כ"ג כסלו תשנ"ב

---

*הערה:*
1) ב"חצעי ריבוע" - צוינו הניגונים במספר הסידורי - לפי הסדר שנלמדו ע"י כ"ק אדמו"ר מה"מ.

2) ב"חצעי עיגול" - צויין השנה שבה נלמדו הניגונים ע"י כ"ק אדמו"ר מה"מ.

---

# ליקוט ניגונים
*- חלק ב' -*
**שנתבארו ע"י**
**כ"ק אדמו"ר מלך המשיח**

---

**לוח המפתחות לחלק ב':**

פתח דבר (חלק ב')

א) אום אני חומה

משיחת שמחת בית השואבה תשי"א
משיחת יום ב' דחה"ש תשכ"ז

ב) אימתי קאתי מר

משיחת יום שמח"ת תשי"ט
ממכתב א' סיון תש"כ

ג) אין אדיר כה'

משיחת יום ב' דחה"ש תשכ"ד

ד) אלו ואלו אומרים

משיחת יום שמח"ת תשט"ז

משיחת שמחת בית השואבה תשכ"א

**ה) אנא עבדא**

משיחת יום ב' דחה"ש תשכ"ט

**וא"ו) אני מאמין**

משיחת יום ב' דחה"ש תשי"ג

---

Back to "Moshiach Periodicals in Hebrew"

ב"ה.

# *הקדמת המו"ל*

- להוצאה הראשונה -

לקראת יום הבהיר, יום עשתי עשר לחודש ניסן (חודש הגאולה[1]) - נשיא לבני אשר[2], אשר "הוא יתן מעדני מלך"[3],

יום הולדת ה"צדי"ק"[4] של כ"ק אדמו"ר שליט"א נשיא דורנו, לאורך ימים ושנים טובות,

- ובהמשך להוראת כ"ק אדמו"ר שליט"א (בשיחת יום ב' דחה"ש תנש"א) להו"ל קובצי חידושי תורה, -

הנני מו"ל בזה "ליקוט ניגונים - שנוגנו ונתבארו ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א", חלק א' (מהדורא קמא[5]) הכולל:

ליקוט משיחות ומכתבי כ"ק אדמו"ר שליט"א שבהם הואיל לבאר את ה"י"ד" ניגונים שנלמדו על ידו בשנים תשי"ד-תשכ"ד; תשל"ד[6].

הניגונים נסדרו: א) "עשרת הניגונים" שנוגנו ונתבארו ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א ב"שמחת תורה" דשנות תשט"ז - תשכ"ד. ב) ניגונים שנוגנו ונתבארו ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א בהזדמנויות שונות בשנות תשי"ד - תשל"ד.

* * *

*הערה חשובה ועיקרית*: רובם המכריע של הקטעים משיחות אלו נעתקו מ"הנחות" ש(לע"ע) *לא הוגהו* ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א, ולכן *הן על אחריות המניחים ורושמים*.

* * *

ע"ד הנגינה החב"דית - ראה בה"מבוא", "לקוטי רשימות" שנדפסו בראש (ח"א וח"ג ד) "ספרי הניגונים - חב"ד. ועוד.

* * *

*כל האחריות דעריכת הליקוט וכו' היא על המו"ל בלבד.*

* * *

*ליקוט זה מוקדש לכ"ק אדמו"ר שליט"א נשיא דורנו. ויחזק השי"ת את בריאותו וישלח לו רפואה שלימה וקרובה תיכף ומיד ממש בכל רמ"ח אבריו ושס"ה גידיו הק', ויתן לו אריכות ימים ושנים טובות ונעימות מתוך בריאות הנכונה, ויראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות, הרחבה ונחת, ויוליכנו קוממיות לארצנו הקדושה בביאת משיח צדקנו תיכף ומיד ממש*, ממש ממש[7].

יוסף יצחק בן הרה"ת ר' שניאור זלמן הלוי שי' שגלוב

י"א ניסן ה'תשנ"ב (*הי' תהא שנת נפלאות בכל*),
יום מלאות "צדי"ק" שנה להולדת כ"ק אדמו"ר שליט"א,
ברוקלין, נ.י.

---

1) שמו"ר פט"ו, יא.

2) לשון הכתוב - נשא ז, עב.

3) לשון הכתוב - ויחי מט, כ. וראה לקוטי לוי יצחק אגרות-קודש ע' שכד-ה. ע' תיט.

4) נתבאר בארוכה בשיחת ש"פ צו, שבת הגדול, תנש"א ס"ט ובההערות (סה"ש תנש"א ח"א ע' 403 ואילך).

5) ובקשתי רבה, שכל מי שנמצא באמתחתו איזו שיחות וכיו"ב ע"ד הניגונים - יתנם לי (ע"מ להחזיר להדפיסם אי"ה במהדו"ב. וזכות הרבים תלוי' בו.

6) ובהערות נעתקו: הנדפס ע"ד הניגונים - ב"ספרי הניגונים - חב"ד" (ח"א - ברוקלין, תש"ט. (הוצאה שני' - שם, תשי"ז. הוצאה שלישית - כפר חב"ד, תשמ"ה). ח"ב - ברוקלין, תשח"י. (הוצאה שני' - כפר חב"ד, תשמ"ה (ביחד עם ח"א)). ח"ג - כפר חב"ד, תש"מ. (הוצאה שני' - שם תשמ"ה)).

7) ע"ד לשון כ"ק אדמו"ר שליט"א בסיום המאמר ד"ה ויהיו חיי שרה תנש"א (ספר המאמרים מלוקט ח"ה ע' ע).

- ולהעיר מסיום המאמר ד"ה אלה תולדות נח תנש"א (ספר המאמרים הנ"ל ע' נב).

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 1

*א)* [3] *דרכך*[1] *אלקינו, להאריך אפיך, לרעים ולטובים, והיא תהילתיך.*
*למענך אלוקינו עשה, ולא לנו, ראה עמידתינו, דלים וריקים.*
[*פיוט "שומע תפלה" בתפלת ערבית דיוהכ"פ*]

כ"ק אדמו"ר שליט"א לימד ניגון זה בליל שמח"ת (אחרי הקפות וסעודת יו"ט - לפנות בוקר) תשט"ז.

**- א -**

כ"ק אדמו"ר שליט"א הכריז אז ואמר[2]:

אז אלע וואס האבן נאך ניט געזאגט קיין פסוק ב"אתה הראת" און האבן ניט געהאט קיין הקפה, יאמרו עוד פעם "אתה הראת" ויסדרו הקפות, ביז אז אלע וועלן האבן.

ובסיום ההקפות בפעם האחרונה נכנס כ"ק אדמו"ר שליט"א, ורקד עם המסובים, ואחרי סיום ההקפות הכריז:

כנהוג בכל שנה איז אלע וואס זיינען מקבל אויף זיך מוסיף זיין עפעס בכל יום א שיעור אין נגלה און אין חסידות, וועט מען זיי געבן משקה זאגן "לחיים" - לחזק את הדבר.

באמצע נתינת המשקה אמר:

שמע"צ ושמח"ת איז דאך דער זעלבער ענין פון ר"ה, כאפט איצטער די צייט פון סליחות, זאל מען זאגן דעם ניגון "דרכך אלקינו להאריך אפיך".

הנאספים לא ידעו את הניגון, וניגן כ"ק אדמו"ר שליט"א בעצמו כמה פעמים את הניגון עד שהתלמדו אותו. ואח"כ ניגנו כל הנאספים את הניגון הרבה פעמים, ואח"כ אמר:

דאס וואס מען זינגט איצטער דעם ניגון איז דאס מיוסד אויף א ווארט פון רבי'ן (מהורש"ב) נ"ע וואס ער האט אמאל געזאגט (שמח"ת אין א פארברייינגען): "אז שמח"ת שאט ניט", במילא איז אז מען זאגט "דרכך אלקינו להאריך אפיך", און "עמידתנו דלים וריקים", וועט מען ארויסנעמען נאר די תועלת פון דעם, מען זאל וויסן וואו מען האלט, אז "עמידתנו דלים וריקים", במילא איז מען א "כלי ריקן", ד"כלי ריקן" איז מחזיק סיי במדת הקב"ה סיי במדת בשר ודם.

זאל מען גיין א ריקוד מיט'ן ניגון "דרכך", דערנאך זאל מען גיין אויף א ווילע אפרוען זיך און עס זאל זיין א פרייליכע הקפות, און מען זאל ממשיך זיין די שמחה על כל השנה כולה.

* * *

**- ב -**

בתחילת ההתוועדות דיום שלאח"ז - יום שמח"ת תשט"ז, ניגנו את הניגון "דרכך אלקינו", ואח"כ אמר[3]:

דער רבי (מהורש"ב) נ"ע האט אמאל געזאגט (אין א שמח"ת'דיקע פארברייינגען) אז אפילו אזוינע ווערטער וואס אינמיטן יאר דארף מען זיך היטן פון צו זאגן זיי, אבער שמח"ת איז ניטא וואס צו היטן זיך, ווארום שמח"ת שאט ניט.

וויבאלד אז עס שאט ניט, מוז מען זאגן אז אין דעם איז פאראן א תועלת, ווארום ביי א אידן איז ניטא קיין ענין וואס ער זאל דאס טאן און דאס זאל ניט זיין קיין תועלת און ניט קיין היזק; איינס פון די ביידע, אדער עס איז א היזק אדער עס איז א תועלת, און וויבאלד אז עס שאט ניט, איז א ראי' אז ס'איז א תועלת.

ווארום הגם אז ס'איז פאראן ענינים פון דברי הרשות, וואס זיי זיינען ניט קיין מצוה אבער אויך ניט קיין עבירה, כידוע אז דער כללות העולם ווערט איינגעשטעלט אין דריי סוגים, מצות, עבירות, און רשות;

איז במה דברים אמורים ווי די זאך איז לעצמה איידער עס האט צוטאן מיט א אידן, וואס דעמאלט איז שייך צו זאגן אויף די זאך אז עס איז א דבר הרשות, ניט קיין מצוה

און ניט קיין עבירה, אבער בשעת עס האט צוטאן מיט א אידן, ד.ה. בשעת א איד טוט עס, איז מצד דער ציווי פון בכל דרכך דעהו, ווערט עס איינס פון דיביידע, אדער מען איז דאס מעלה אין קדושה, אדער עס ווערט א עבירה, וואס ער האט עובר געווען אויפן ציווי פון בכל דרכיך דעהו.

ובפרט ווי ס'איז מבואר אין תניא, אז דברי הרשות איז זייער חיות פון קליפת נוגע וואס זי איז א ממוצע צווישן גקה"ט לגמרי ביז קדושה, איז דאך אודאי אזוי, אז בשעת מען נוצט עס לשם שמים איז מען דאס מעלה אין קדושה, ובשעת מען נוצט עס ניט לשם שמים איז מען דאס מוריד אין גקה"ט לגמרי.

ווארום יעדער פעולה האט דאך עפעס א סיבה, עס קען דאך ניט זיין אז א מענטש זאל עפעס טאן שלא בכוונה, צוליב עפעס טוט ער דאך דאס, איז אויב די סיבה פון דער פעולה איז בכדי לעבוד את הוי' ווערט עס קדושה, צי דאס אליין ווערט א הכשר און א הכנה צו א מצוה, אבער עכ"פ ניט קיין דברי הרשות.

און אויב די סיבה ביי אים איז ניט לשם שמים נאר למלאות תאות גופו ונפשו הבהמית אדער אפילו לצורך קיומו, איז וויבאלד אז די פעולה האט א סיבה, און די סיבה איז ניט קדושה, במילא איז ער עס מוריד לפי שעה אין גקה"ט.

דאס אלץ איז אויך א גאנץ יאר, אז ס'איז ניטא קיין רשות, אדער קליפה אדער קדושה, ובפרט בשבתות ומועדים וואס אלקות איז בגלוי, איז אודאי אזוי אז אויב עס איז נאר א ענין וואס עס שאט ניט, איז דאס געוויס א ענין וואס עס ברייננגט א תועלת.

ומשמע אז דאס איז ניט סתם קיין תועלת נאר א תועלת מרובה ביותר, ווארום וויבאלד אז מען נוצט אזא ווארט וואס א גאנץ יאר מיידט מען אים אויס און פונדעסטוועגן איז שמח"ת זאגט מען אים, איז אודאי אז דאס איז א תועלת מרובה ביותר. . . .[4]

בנוגע לענייננו איז: עס איז דאך שמחת תורה, א זמן פון שמחה און מען זינגט דאך דעם דרכך, איז די וואס האלטן ביי הויכע מדריגות זאלן זיי משלים זיין די תשובה וואס עס פאדערט זיך מצד עליותיהם, אבער די מעשה איז דאך אז אויך השתלשלות אליין איז לאנג, און עס קען דאך אויך זיין אז נאך אלע תשובות פונדעסטוועגן האט זיך עפעס אריינגע'גנב'ט אעבירה'לע וואס מען האט אויף איר ניט געטאן קיין תשובה המתאימה.

איז זאל מען זינגען נאך אמאל דעם דרכך, און תשובה קען זיין בשעתא חדא וברגעא חדא, און אז יעשה תשובה איז יתכפר לו, און עס וועט גורם זיין א שמחה גדולה כמשל הבן מלך שהי' בשבי' און ער האט זיך אומגעקערט צוריק, וואס דאס איז די אמיתית השמחה דשמח"ת פון דעם וואס דער בן המלך קערט זיך אום צוריק להמלך.

---

1) מועתק בזה הנדפס בספר הניגונים ח"ב (ע' יז) ע"ד הניגון:

חרוז מסיום הסליחות "שומע תפלה" שאומרים בתפלת ערבית של יום כיפור.

ניגון מלא רגש, חדוה גלוי' אחוזה בעוצב ומרירות טמונה המזעזע כל נימי הלב. מתאים לתיבות הפיוט שבו מושר. הבבא הראשונה כופלים הרבה פעמים, וכשמגיעים לבבא השני' המושרה עם התיבות "למענך אלקינו עשה וכו'" מגביהים הקול ומזמרים אותה פעם אחת וחוזרים וכופלים הבבא הראשונה.

2) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשט"ז" ע' 46.

3) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשט"ז" ע' 47; 49.

4) המשך השיחה - נעתקה לקמן (בח"ב) בביאור דהניגון "אלו ואלו אומרים אשרי מי שלא חטא".

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 1

ב) [5] כי[1] *אנו עמך ואתה אלוקינו, אנו בניך ואתה אבינו.*
*אנו עבדיך ואתה אדונינו, אנו קהליך ואתה חלקינו.*
*אנו נחלתיך ואתה גורלינו, אנו צאנך ואתה רוענו.*
*אנו כרמיך ואתה נוטרינו, אנו פעולתיך ואתה יוצרינו.*
*אנו רעיתיך ואתה דודינו, אנו סגולתיך ואתה אלוקינו.*
*אנו עמך ואתה מלכינו, אנו מאמיריך ואתה מאמירינו.*
[*פיוט בחזרת הש"ץ דתפלת שמו"ע ביוהכ"פ*]

כ"ק אדמו"ר שליט"א לימד ניגון זה בליל שמח"ת (אחרי הקפות וסעודת יו"ט - לפנות בוקר) תשי"ז.

- * -

כ"ק[2] אדמו"ר שליט"א הואיל אז - כנהוג בכל שנה:

1) ליתן (בידו הק') "משקה" לכל המקבלים על עצמם: מוסיף זיין בשיעור החסידות בכל יום.

2) ללמד ניגון חדש; השנה לימד את הניגון "כי אנו עמך"[3].

---

1) מועתק בזה הנדפס בספר הניגונים ח"ב (ע' יז) ע"ד הניגון:

תנועות הניגון מבטאות בקשה ותחינה, דרישה ותביעה לחשבון הנפש והתעודדות ואימוץ הרוח בתקוה לרחמי האב - הקב"ה - על בניו.

2) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשי"ז" ע' נא.

3) לע"ע לא מצאתי שום שיחה ע"ד ניגון זה.

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 1

ג) [6] *צמאה[1] לך נפשי, כמה לך בשרי, בארץ צי' ועיף בלי מים.*
*כן בקודש חזיתיך לראות עוזך וכבודך.*
[*תהלים סג, ב-ג*]

*עי טי דורען מארקו טשטא טי יעדיעש נא יארמארקו, ניע קופליאיעש ניע פראדאיעש טאלקא ראביש סווארקו.*

כ"ק אדמו"ר שליט"א לימד ניגון זה בליל שמח"ת (אחרי הקפות וסעודת יו"ט - לפנות בוקר) תשח"י.

**- א -**

כ"ק[2] אדמו"ר שליט"א הואיל אז - כנהוג בכל שנה:

1) ליתן (בידו הק') "משקה" לכל אחד: וואס וועט זיך אן נעמען א הוספה אין לימוד החסידות לשנה הבאה.

2) ללמד ניגון חדש; השנה לימד את הניגון "צמאה לך נפשי - עך טי דורין מארקא". ואח"כ הואיל לבאר את דברי הניגון, באמרו:

אז מען זאגט צום יצה"ר, אז ניט ער קויפט ניט ער פארקויפט, ער וויל מערניט אנמאכן א מחלוקת בין ישראל ואבינו שבשמים.

* * *

**- ב -**

במכתב כ"ה טבת תשח"י - כותב כ"ק אדמו"ר שליט"א[3]:

...ותקותי חזקה שיכיר שנמיכות הרוח בא פון דעם "קלוגינקען" . . ובמילא יש להלחם בזה בכל התוקף, כיון שהוא הוא הדורין מארקא שכל מטרתו לעשות סווארקא, וכניגון הידוע של חסידים.

* * *

**- ג -**

בהתוועדות דמוצש"ק פ' בשלח, י"א שבט תשח"י - ניגנו את הניגון "צמאה גו' - עך טי דורין מארקא". ואח"כ אמר[4]:

"דורין מארקא" גייט דאס אויפן יצה"ר שנק' בשם כסיל - דורין פירושו כסיל - וואס ער גייט אויך אויפן יריד. טענה'ט מען צו אים, אז ער פארדינט גארניט און ער מאכט נאר אן א בלבול.

דהנה עוה"ז איז א יריד. א ארט פון מסחר. דענין המסחר איז אז מען פארדינט דורך דעם, דזבן וזבין תגרא איקרי בתמי'. ווארום די נשמה קודם ירידתה עם היות שחצובה מתחת כסא הכבוד, ולמעלה יותר, מ"מ תכלית העלי' נעשית בה ע"י הירידה דוקא, וואס דא דוקא ווערט זי פאראיינציקט מיט עצמות, דעתידים צדיקים שיקראו בשמו של הקב"ה, וזהו תכלית הירידה. ניט נאר עס זאל זיין יציאתך מהעולם כבריאתך, ווארום דאס איז ניט קיין ריוח. נאר דער ריוח איז די התאחדות מיטן עצמות, דזהו ריוח בל"ג.

והנה גם היצה"ר גייט אויפן יריד לפתות את האדם. בכדי שלא יהי' "נהמא דכיסופא", וואס צוליב דעם איז דאך דא דער "עמל ביעקב", בכדי שיהי' "ובחרת בחיים", כידוע. איז דאך מובן אז כוונתו הפנימית של היצה"ר איז אז דער אדם זאל אים ניט פאלגן, וואס יעמולט וועט זיך אויספירן דער תכלית. ולבד זאת אז דאס איז זיין שליחות, איז מלבד זאת, לייענט זיך דאס אויך פאר אים. ווארום בשעת אז דער אדם וועט אים ניט פאלגן און ער וועט זיך פארבינדן מיט עצמות, דזהו אמיתית שכר המצות - "שכר מצוה מצוה", וואס דאס איז א ריווח בל"ג כנ"ל, ווארום די אלע פריערדיקע מדריגות איז אלץ בהגבלה וע"י המצות קומט ער לבחי' בל"ג, איז וויבאלד שהגורם לזה איז געוועז דער יצה"ר, האט ער אויך עפעס דערפון. אבער בשעת דער יצה"ר גייט אראפ פון וועג, און וויל טאקע אז דער אדם זאל יע

זינדיקן, איז לבד זאת וואס ניט דאס איז די כוונה, איז מען אויך אים מעניש, וכמ"ש "ואת הבהמה תהרוגו", ווייל זי האט גורם געווען דערצו.

און דאס טענה'ט מען מיט אים, "שטא די יעדיש נייאר מארקא", אז ער מאכט גאר זיך אליין קאלע. אויב ער וועט זעהן אז דער אדם זאל אים ניט פאלגן, טוט ער דערמיט א חכמה גדולה משא"כ כו'.

און דאס איז וואס מען זעהט און עס שטייט אין ספרים א סימן אז מען זאל וויסן צי מען האט געטאן א דבר טוב אדער א היפך, צי שפעטער איז מען אויפגעלייגט צי ניט. ווארום אויב מען טוט אן עבירה איז מען שפעטער צובראכן בא זיך, אויך מצד היצה"ר, ווייל פאר אים לייענט זיך דאס אויך ניט כנ"ל.

וזהו ג"כ המשך הניגון, צמאה לך נפשי כו', וויבאלד אז דער גאנצער ענין של פיתוי היצר איז בכדי אויפטאן א צמאון לאלקות, עס זאל ניט זיין קיין נהמא דכסופא, איז אבער בשעת אז דער צמאון איז שוין דא, עס איז שוין געגוג העלמות והסתרים, נאך וואס דארף מען דעם פיתוי היצר.

(ומה שרואים שהיצה"ר איז מפתה אויך יעמולט, דלכאורה האט עס גאר קיין ארט ניט, הנה ע"ז אומרים על חטא שחטאנו לפניך ביצה"ר, אז דאס איז שולדיק דער אדם אליין, וואס ער איז מגרה דעם יצה"ר. וע"ד מ"ש ויכבד את לב פרעה).

מען דארף אים האבן מערניט ווי אויף אזוי פיל עס זאל ניט זיין קיין נהמא דכסופא, עס זאל זיין א צמאון, שגדלה מעלתו אז מען ווינטשט זיך אז אויך בזמן הבית זאל זיין אזא צמאון, כפירוש הבעש"ט ע"פ כן גו' מלשון הלואי, ווארום יעמולט וועלן ניט זיין קיינע העלמות והסתרים נאר די גאנצע עבודה וועט זיין ילכו מחיל אל חיל.

* * *

**- ד -**

בהתוועדות דש"פ דברים, שבת חזון, ט' מנ"א (נדחה - ויהפך לשמחה) תשמ"ח אמר[5]:

ובלשון הידוע בניגון החסידים[6] (במחוז אוקריינא) - "דורין מארקא", היצר הטפש שכל פעולתו אינה אלא לעשות מריבה ומחלוקת כו' ("סווארקו") בין (בנ"י, .. ועי"ז - בין) ישראל להקב"ה, שזהו קליפת מדין.

---

1) מועתק בזה הנדפס בספר הניגונים ח"ב (ע' חי) ע"ד הניגון:

ניגון חב"די ישן. חציו הראשון מושר עם תיבות הפסוק "צמאה לך נפשי כמה לך בשרי", וחציו השני בתיבות שפת רוסית: "עי טי דורען מארקו טשטא טי יעדיעש נא יארמארקו, ניע קופליאיעש ניע פראדאיעש טאלקא ראביש סווארקו". ותוכן פירושן: תביעה להיצה"ר ונפש הבהמית שבאדם, שמדמים אותם לבן כפר שוטה שנוסע ליומא דשוקא - "יאריד" - ושואלים אותו למה אתה נוסע על ה"יארמארק", כיוון שאינך קונה ואינך מוכר, רק הנך עושה מריבה (בהנמשל - בין ישראל להקב"ה). הניגון הזה כולו אומר שירה וגעגועים.

2) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשח"י" ע' מח.

3) אגרות קודש חט"ז ע' רמ; לקוטי שיחות חכ"ב ע' 367.

4) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשח"י" ע' קמה-ו.

5) הבא להלן (וכן הערה 6) נעתקו משיחה שהוגהה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א, ונדפסה בספר השיחות תשמ"ח ח"ב ע' 562.

6) בסיום חלק זה דהשיחה - ניגן כ"ק אדמו"ר שליט"א הניגון "ער טי דורין מארקא וכו'", ולאחרי שניגנו הקהל משך זמן, אמר, שינגנו גם הבבא (הקודמת בסדר הניגון) הנוספת - "צמאה לך נפשי גו'" (אולי בהתאם לתוכן השיחה[א] שגם דחיית הרע צ"ל ע"י תוספת אור הקדושה כו'.

---

*א) בהחלק שלא נעתק כאן.*

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 1

ד) [7] *שאמיל*[1].

כ"ק אדמו"ר שליט"א לימד ניגון זה בליל שמח"ת (אחרי הקפות וסעודת יו"ט - לפנות בוקר) תשי"ט.

**- א -**

כ"ק[2] אדמו"ר שליט"א הואיל אז - כנהוג בכל שנה:

1) ליתן (בידו הק') "משקה" לכל המקבלים על עצמם להוסיף בלימוד החסידות.

2) ללמד ניגון חדש; השנה לימד את הניגון "שאמיל". וטרם שהתחיל לנגן אמר:

דעם ניגון האב איך געהערט פון חסידים מיט א מעשה צו דעם: עס איז געווען אין רוסלאנד. בשעת עס האט זיך אנגעהייבן מתפשט זיין ממשלת רוסיא, האבן זיי אנגעהויבן איינעמען אומעטום, האבן זיי געוואלט אויך איינעמען קאווקאזער בערג. דארטן האבן זיך געפונען אנשים ניט קיין בני תרבות, און געהאט א קייסער. ניט קוקנדיק אויף דעם וואס די אנשי הממשלה זיינען געווען א סאך מערער פון די וואס זיינען געווען על ההרים מ"מ האט מען זיי ניט געקענט איין נעמען ווילע זיי זיינען על הרים גבוהים, האט מען צו זיי ניט געקענט צוקומען.

ביז מען האט זיי אויסגענארט, מען האט זיי געזאגט אז מען מאכט מיט זיי שלום און צוגעזאגט כמה הנחות, און צום סוף האט מען גענומען זייער מושל - שאמיל האט ער געהייסן - און פארשיקט אים אין טיף ראסיי, צי ער איז געווען ארעסטירט צי ניט, אבער עכ"פ איז ער געווען פארשיקט.

בשעת ער פלעגט זיך באטראכטן און דערמאנען זיך אויף די הויכע בערג וואו ער איז געווען פריי פון דער ממשלה, און אויך פריי פון די כבלים פון תרבות, און איצטער איז ער משועבד וכו', האט אים אנגעכאפט א ביינקעניש, און ער האט געזונגען דעם ניגון, וואס דער התחלת הניגון איז געגועים, און די לעצטע תנועה פון ניגון איז תקוה אז סוכ"ס וועט ער זיך אומקערן צו זיין ארט.

בשעת אידן האבן געהערט דעם ניגון, האבן זיי דאס אויסגענוצט אויפ'ן ענין ירידת הנשמה למטה, וואס ס'איז דאך א ירידה מאיגרא רמה לבירא עמיקתא. זייענדיק למעלה איז די נשמה געווען פריי, ווארום זי איז געווען פאראייניציקט מיט אלקות כמ"ש חי הוי' אשר עמדתי לפניו, און קומענדיק דא למטה איז כשיתבונן במצבו ווי ער שטייט אין די כבלים פון גוף ונה"ב, וידע אינש בנפשי', איך שחטא ופגם ועבר את הדרך, און אפי' בשעת אז ער האט דאס מתקן געווען מ"מ איז בא אים בדרך מצות אנשים מלומדה, און אפילו בשעת ס'איז בא אים מיט א חיות פון אהוי"ר, און אפי' בשעת ס'איז שוין אויך בשמחה וטוב לבב, מ"מ איז דאך אפילו צדיק גמור עובד את הוי' באהבה בתענוגים איז ער יש מי שאוהב.

און בשעת ער באטראכט זיך אין דעם, ווערט ער נתעורר בגעגועים צו די הרים הגבוהים, דער שרש הנשמה ווי זי איז געשטאנען בבחי' הרים אלו האבות, וואס פון זיי האבן דאס בירושה אלע אידן, בחי' הרים חג"ת דאצילות, און אויך למעלה מאצילות, ביז אין די הרים הגבוהים שקודם הצמצום.

און די לעצטע תנועה פון דעם ניגון איז תקוה, אז ער איז זיכער שלא ידח ממנו נדח און סוכ"ס וועט ער צוקומען למחוז חפצו, נאך העכער ווי ער איז געווען פריער, דזהו תכלית הירידה שהיא צורך עלי', אז ער וועט צוקומען און ווערן איין זאך מיט עצמות אליין.

* * *

**- ב -**

ביום שלאח"ז - בהתוועדות דיום שמח"ת תשי"ט - ציוה כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן את הניגון שלימד בליל שמח"ת, וטרם שהתחילו לנגן אמר[3]:

דעם ניגון האב איך געהערט לפני כמה שנים פון חסידים, מיט א מעשה צו דעם.

מיט א יאר הונדערט, הונדערט און פופציק פריער, זיינען געווען אויף די קאווקאזער בערג

שבטים פראים למחצה, וואס זיינען געווען פריי כצפור דרור, ניט האבנדיק די הגבלות פון חוקי המלוכה און אפילו ניט די הגבלות פון בני תרבות.

בשעת דער צאר האט אנגעהייבן מתפשט זיין זיך מיט זיין מלוכה, האט ער געוואלט איין נעמען אויך די קאווקאזער בערג. אבער ער האט ניט געקענט, כאטש אז ער האט געהאט מיט זיך א סאך סאלדאטן, און זיי זיינען געווען מתי מספר, אויך האט ער געהאט כמובן בעסערע געווער פון זיי, מ"מ וויבאלד זיי זיינען געווען אויף הויכע בערג, האט מען זיי ניט געקענט איין נעמען.

ביז מען האט זיך געכאפט אויף א המצאה, מען האט געמאכט מיט זיי שלום, מען האט צוגעזאגט דעם ראש זייערן - שאמיל האט ער געהייסן - כמה וכמה הנחות, בשעת מען האט בא זיי צוגענומען דעם געווער, איז דערנאך האט מען גענומען שאמיל'ן און פארשיקט אים אין טיף ראסיי.

זייענדיק פארשיקט, איז מזמן לזמן ווען ער פלעגט זיך דערמאנען אויף די הרים הגבוהים, וואו ער איז געווען פריי, ניט האבנדיק די הגבלות פון א תפיסה און אפילו ניט די הגבלות פון א עיר מקום מושב און די הגבלות און כבלים פון תרבות, האט אים אנגעכאפט א טיפע בייגקעניש צו די הרים הגבוהים, וואס דארטן איז ער געווען פריי כמו נשר בשמים, און ער האט געזונגען דעם ניגון שהתחלתו איז געגועים און די לעצטע תנועה - תקוה.

בשעת א איד האט געהערט דעם ניגון, האט ער דאס גענומען אויף זיינע אותיות, און אויסגענוצט דאס אויפ'ן ענין פון ירידת הנשמה בגוף.

די נשמה איז געווען חצובה מתחת כסה"כ, און דאס - חצובה מתחת כסה"כ - איז שוין א ירידה בא דער נשמה, ווארום בעצם איז זי נאך העכער, זי איז פארבונדן מיטן אויבערשטן אליין, ובמילא איז זי אינגאנצן פריי, זי האט ניט געהאט אויף זיך קיין מושל ושולט, ומקור חוצבה איז על ההרים הגבוהים, הרים אלו האבות, חג"ת דאצילות, און למעלה, ביז אין חג"ת שקודם הצמצום.

און מען האט איר אריין גענארט, און צוגענומען איר פון דארטן און אראפגעשיקט למטה אין א גוף ונה"ב, וואס בשעת די נשמה באטראכט זיך במקור חוצבה, כאפט איר אן א צמאון גדול, צמאה לך נפשי כמה לך בשרי.

אמת טאקע שכוונת הירידה היא בשביל העלי' שנעשית ע"י עבודתה למטה דוקא, אבער דערווייל איז דאך דאס א ירידה גדולה, דידע אינש בנפשי' כו', און אויב אפילו ער איז שוין מקיים תומ"צ, איז דאס מצות אנשים מלומדה, און אפילו אויב ער האט שוין אהוי"ר פעלט אים שמחה, און אפילו אויב ער האט שוין אביסל שמחה פעלט אים אבער דעם בטוב לבב, ריבוי השמחה, און אפילו בשעת ער האט שוין אויך דאס איז דאך גם צדיק גמור עובד הוי' באהבה בתענוגים איז ער יש מי שאוהב. איז ער דאך מוגבל, ער קען ניט פורש זיין כנפיו כדרך הנשר בשמים, ווארום ער האט די הגבלות הגוף.

דאס רעט מען דאך וועגן א צדיק גמור, ועל אחת כמה וכמה דער וואס איז ווייט פון דעם איז דאך א ודאי מובן, אז אפילו בשעת ער איז שוין מקיים תומ"צ איז דאך דאס אבער געמאטערטערהייט, אויף יעדער שריט און טריט האט ער מניעות ועיכובים, און די תומ"צ שמקיים זיינען אויסגעמאטערטערהייט.

און דאס איז די התחלת הניגון - דער צמאון וגעגועים. און דער לעצטער פאל פון דעם ניגון איז די תקוה, וואס ער איז זיכער אז סוכ"ס וועט ער זיך ארויסכאפן פון דער בירא עמיקתא, און צוקומען נאך העכער ווי ער איז געווען פריער, לאשתאבא בגופא דמלכא.

[לאחרי שניגנו הניגון אמר]:

אפילו אין אנהויב ניגון וואס דאס איז געגועים, איז אויך דארטן הערט זיך אן די ווילדקייט פון א פרייען מענטשן, ווארום דער וואס ס'איז בעצם פריי איז אפילו בשעת מען ארעסטירט אים, הערט זיך אין אים די פרייקייט.

וכמשל הבן מלך דגם כאשר נמצא בשבי' הערט זיך אן אז ער איז א בן מלך.

וכמו"כ הוא בירידת הנשמה למטה, אז אויך זייענדיק דא למטה, הערט זיך אן אין איר די פרייהייט, דער מרחב העצמי, וואס דאס גופא איז א נתינת כח אויף ניט נתפעל ווערן פון די מניעות ועכובים פון עולם, ולעבוד עבודתו, וואס דורך דעם וועט זיין דער תכלית העלי' -

צוקומען צו עצמות ממש.

* * *

**- ג -**

בתחילת ההתוועדות דש"פ בראשית, מבה"ח מ"ח תשי"ט - ניגנו את הניגון "שאמיל", ואח"כ אמר[4]:

א. עס איז געווען א סדר בא דעם אלטן רבי'ן, אז די שאלות וועלכע פלעגן אנקומען צו אים, האט ער זיי איבער געגעבן צו צווייען. איינער פון די צוויי איז געווען דער צמח צדק. זיי פלעגן אנשרייבן דאס וואס ביי זיי קומט אויס און נאכהער פלעגט דער אלטער רבי שיקן די תשובה אזוי ווי בא אים איז אויסגעקומען. האט דער אלטער רבי געזאגט אמאל דעם חילוק פון דעם צמח צדק ביז דעם צווייטן, אז בא יענעם איז מפעם לפעם ווערט לייגנער און בא דעם צמח צדק איז מפעם לפעם ווערט קירצער.

וי"ל: דער חילוק פון שמיעה מיט ראי' איז, אז בשעת מען הערט א ענין, הערט מען פריער איין פרט, דערנאך א צווייטן פרט, ביז אז פון אלע פרטים שטעלט זיך צוזאמען דער כלל. משא"כ בראי' זעהט מען דאך דעם גאנצן ענין פאראמאל, און ערשט דערנאך דארף מען פאנאנדער קלייבן די פרטים.

וכמו"כ בשכל, איז בשכל שבבחי' שמיעה, איז לכתחילה נעמט מען דעם שטחיות הענין, און אפילו אויב מען נעמט באלד די פנימיות איז דאך דאס מערניט ווי התחלת הפנימיות, און דערנאך נעמט מען טיפער און טיפער, איז יעדער מאל קומט צו א נייער פרט. עס ווערט ניתוסף אין דער השכלה ביז אז אויך אין כתב איז מפעם לפעם ווערט ניתוסף אין כתב.

משא"כ מצד השכל כמו שהוא בבחי' ראי', נעמט מען באלד את נקודת הענין ווי ער האט אין זיך אלע פרטים מיטן גאנצן עומק. און דערנאך דארף מען אנהויבן מפרט זיין, אויסשטעלן וועלכער פרט איז דער עיקר, און וועלכער פרט איז דער טפל, און וועלכער פרט איז ניט שייך להמקבל, וואס דעם פרט דארף מען משמיט זיין לגמרי.

וי"ל, אז דער אלטער רבי האט מבאר געווען גודל הפלאת עילוי השגת הצמח צדק, אז מצד רוחב שכלו האט ער גענומען יעדער ענין בדרך ראי'. בשעת עס איז אנגעקומען א שאלה האט ער באלד געזעהן דעם גאנצן ענין מיט אלץ וואס איז שייך צו דעם בש"ס ופוסקים, דערנאך אז ער האט דאס געדארפט ארויסגעבן באופן ווי צו ענטפערן להשואל, האט ער געמוזט אויסשטעלן אין פרטים, און ארויסנעמען די פרטים שאינם שייכים להמקבל און דערפאר איז מפעם לפעם געווארן ביי אים קירצער.

אנטקעגן וואס זאג איך דאס - א ניגון וואס איז פארבונדן מיט קול, איז דער סדר אין דעם, אז וואס ווייטער - ווערט דער קול שטארקער און העכער. אבער א ניגון וואס איז פארבונדן מיט געגועים, איז דארטן דער סדר פארקערט. ווארום וואס מערער עס ווערט נרגש די געגועים ווערט ביי אים וויניקער התפשטות מציאותו, במילא איז וואס ווייטער גייט עס שטילער, ביז צו א קול דממה דקה.

און אזוי אויך דער ניגון, וואס ס'איז א ניגון פון געגועים, און ווי מען האט גערעט בשמח"ת אז חסידים האבן דאס אויסגעטייטשט אויף געגועי הנשמה וואס איר איז איינג ממאסרה בהגוף ונה"ב, איז וואס ווייטער - הערט זיך אלץ מערער אן דער ביטול התפשטות הגוף ונה"ב, און די געגועים צו אלקות. דערפאר גייט דער ניגון וואס ווייטער א קלענערער קול.

און אפילו דער וואס איז ניט מרגיש די געגועים, אבער עכ"פ בנוגע צו זינגען, דארף ער זינגען באופן הנ"ל. וע"ד ווי ער זאגט אין תניא אז בעיני הרואים עכ"פ דארף דאס ניט זיין קענטיק. וכמו"כ בנדו"ד, אז ווי זיין הרגש זאל נאר ניט זיין, אבער זינגען דעם ניגון דארף מען ניט ווי כל נדרי וואס מפעם לפעם מגביהים את הקול נאר אדרבה.

[אחרי סיום השיחה אמר]:

זאגט נאך אמאל דעם ניגון, ובאופן ווי מען האט גערעדט.

* * *

---

1) מועתק בזה הנדפס בספר הניגונים ח"ג (ע' סא) ע"ד הניגון:

ניגון שלימדו כ"ק אדמו"ר שליט"א בליל שמח"ת תשי"ט אחרי ההקפות (לפנות בוקר), ובעת לימדו את הניגון הקדים לזה סיפור וביאור, ולמחרתו ביום שמח"ת בעת ההתוועדות חזר על הסיפור והביאור ביתר פירוט.

2) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשי"ט" ע' מג.

3) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשי"ט" ע' סב-סג.

4) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשי"ט" ע' סה-סו.

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 1

*ה)* [8] *רחמנא*[1] *דעני לעניי עניא.*
*רחמנא דעני לתבירי ליבא עניא.*

[*סוף סדר הסליחות דליל יוהכ"פ*]

כ"ק אדמו"ר שליט"א לימד ניגון זה בליל שמח"ת (אחרי הקפות וסעודת יו"ט - לפנות בוקר) תש"כ.

**- א -**

כ"ק[2] אדמו"ר שליט"א הואיל אז - כנהוג בכל שנה:

1) ליתן (בידו הק') "משקה" לכל המקבלים על עצמם להוסיף בלימוד החסידות.

2) ללמד ניגון חדש; השנה לימד את הניגון "רחמנא דעני". ואח"כ אמר:

אז דעם ניגון דארף מען פריער זינגען במתינות ואח"כ בשמחה, ווארום צום אנהייב איז דאס תחנונים און וואס ווייטער ווערט אלץ שטארקער די תביעה און בטחון.

ואמר עוד: בשעת מען איז תבירא ליבא איז זיכער אז עניא.

* * *

1) מועתק בזה הנדפס בספר הניגונים ח"ג (ע' נו) ע"ד הניגון:

ניגון ניקוליובי ששרים על המלים דעני לעניי עניא . . . לתבירא לבא עניא שאומרים בסוף סדר הסליחות (בליל יוהכ"פ).

2) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תש"כ" ע' 76

[Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 1]

*וא"ו) [9] אתה[1] בחרתנו מכל העמים, אהבת אותנו ורצית בנו, ורוממתנו מכל הלשונות וקידשתנו במצותיך, וקרבתנו מלכינו לעבודתיך, ושמך הגדול והקדוש עלינו קראת.*

[*נוסח התפלה דיו"ט*]

כ"ק אדמו"ר שליט"א לימד ניגון זה בליל שמח"ת (אחרי הקפות וסעודת יו"ט - לפנות בוקר) תשכ"א.

**- א -**

בתחילת ההתוועדות דיום שלאח"ז - ש"פ בראשית (אסרו חג דשמע"צ ושמח"ת - התוועדות א') תשכ"א, ניגנו את הניגון "אתה בחרתנו". ואח"כ אמר[2]:

א. אין דעם ניגון פון בעלי תשובה חזר'ט זיך איבער יעדער תנועה צוויי מאל, ווייל בא בעלי תשובה איז דאך כפליים לתושי', ווי ער ברייגנט אין אגה"ת, הי' רגיל לשנות דף א' ישנה ב' דפים, און דער ניגון ענדיקט זיך קיינמאל ניט, ער איז אן א סוף.

דאס הייסט אז נוסף אויף דעם וואס בכלל איז שיר אן א סוף, וכמבואר במ"א אז א שיר איז ווי א טבעת וואס האט ניט קיין סוף, ווארום בשעת מען כאפט אן א נקודה אין א טבעת און מען הייבט אן גיין פון דער נקודה און מען גייט ארום די גאנצע טבעת, פארענדיקט מען דאך ניט און מען גייט ווייטער, דאס איז דאך ניט דער אמת'ער אין סוף, ווארום באמת האט דאס א סוף, דעם סיבוב האט מען שוין פארענדיקט, מערניט וואס ווען מען פארענדיקט איין מאל, הייבט מען אן נאך אמאל פון דער התחלה, וואס אזוי איז אויך בכללות ענין השיר והניגון, אויך אין דעם ניגון פון צדיקים, אז בשעת מען פארענדיקט דעם ניגון הייבט מען עס אן נאך אמאל, משא"כ אין דעם ניגון פון בע"ת, איז יעדער תנועה גופא פארענדיקט זיך ניט, ווארום ווי ער איז נאר מסיים, הייבט ער אן נאך אמאל, ער קען זיך גארניט אפרייסן פון דעם.

דאס הייסט אז בא צדיקים, הגם ער הייבט אן טאקע נאך א מאל, און דער צווייטן מאל איז בתוס' חיות, דעם צווייטן מאל זינגט ער שטארקער, דאס איז אבער מערניט ווי חידוש הישנות בלבד, דאס איז ניט קיין נייע זאך, ווארום זיין עבודה בכלל איז בהגבלה, במילא פארענדיקט זיך דאס, מערניט וואס דעם זעלבן ענין גופא איז ער כופל נאך א מאל, מיט מערער חיות, משא"כ בא בע"ת איז ניט שייך דער גאנצער ענין פון פארענדיקן, ס'איז ניט וואס ער חזר'ט איבער נאך א מאל די אלטע, נאר ער גייט ווייטער און ווייטער אן א אפשטעל.

וע"ד המבואר באגה"ק, אז בכל ר"ה ווערט נמשך א אור חדש שלא הי' מעולם, איז דאך לכאורה ניט מובן, עס איז דאך המחדש בטובו בכל יום תמיד מע"ב, איז דאך שטענדיק א ענין פון התחדשות, איז וואס איז דער אויפטו פון ר"ה?, נאר דער חילוק איז אז בכל יום איז מערניט ווי חידוש הישנות, עס איז טאקע מיט א תוס' חיות, אבער דער מציאות איז דער זעלבער, משא"כ בר"ה ווערט א נייע מציאות לגמרי, ועד"ז איז דער חילוק פון צדיקים מיט בע"ת.

ב. [ניגנו עוה"פ את הניגון "אתה בחרתנו", ואח"כ אמר]:

די מעלה פון בעלי תשובה אויף צדיקים זאגט זיך ארויס אפילו אין דעם ענין פון אתה בחרתנו מכל העמים, וואס דער זמן פון אתה בחרתנו מכל העמים איז געווען בשעת מ"ת, חג השבועות, וואס דעמאלט איז נתגלה געווארן דער אתה בחרתנו מכל העמים, אז דוקא אידן זיינען ממשיך די המשכות דורך תורה ומצות, און ניט אומות העולם.

הגם אז קיימו האבות כל התורה עד שלא ניתנה, איז דאך געווען תומ"צ אויך פאר מ"ת, איז דאך אבער ידוע אז די תומ"צ של האבות זיינען געווען ברוחניות.

מען מיינט ניט צו זאגן אז בא די אבות איז ניט געווען קיין עשי' גשמית כלל, אזוי קען מען ניט זאגן, די ראי' איז דאך ממ"ש ומצות אפה, ווייל ער האט דאס געזעהן בא אברהמ'ען, זעט מען דאך אז ס'איז געווען אפיית מצות בגשמיות, אזוי שטייט אויך אויפן פסוק שני גדיי עזים, וכי מאכלו של יצחק הי' שני גדיי עזים, אלא אחד כנגד פסח ואחד כנגד חגיגה, זעט מען אז ס'איז געווען די ענינים אויך בגשמיות.

נאר דאס וואס מען האט געטאן די ענינים אויך בגשמיות איז דאס געווען מערניט ווייל די

מצות שעשו ברוחניות האבן זיי דורכגענומען דורך און דורך, ביז אז זיי האבן דאס געטאן אויך בגשמיות, ווילע זיי זיינען דאך געווען א מרכבה צו אלקות, שכל אבריהם היו קדושים, במילא איז מצד דעם ביטול פון מרכבה, וואס דער ביטול איז דאך געווען אויך מצד דעם גוף הגשמי האבן זיי געטאן די ענינים אויך בגשמיות.

ניט דאס איז אבער געווען דער עיקר, דערפאר איז ניט געווען נוגע אין וועלכער דבר גשמי מען וועט דאס טאן, וואס היינט לאחרי מ"ת האט דאך יעדער מצוה אירע דברים גשמיים דורך וועלכע מען טוט איר, משא"כ דעמאלט געפינט מען דאך דעם ענין פון מקלות דיעקב, ווילע עס איז ניט געווען אזוי נוגע דער ענין הגשמיות, עס איז מערניט שמצד ענין המרכבה האט זיך דאס געטאן אויך בגשמיות, במילא איז אין דעם ניט נוגע וואס פאר א גשמי, ווארום דער עיקר איז געווען דער רוחני.

און דערפאר איז אויך דער אויפטו וואס איז דא אין מצות וואס "יחוד זה למעלה הוא נצחי לעולם ועד", און דער אויפטו איז אויך אין דעם דבר גשמי שבו נעשה המצוה, אז די זאך אין וועלכע מען האט געטאן די מצוה באקומט זי א קדושה אויף שטענדיק, אמת טאקע אז ס'איז ניטא אין דעם קיין מעילה, אבער מען דארף נוהג כבוד זיין בהדברים שבהם נעשו מצוה, איז אויך דער ענין האט זיך אויפגעטאן לאחר מ"ת דוקא, משא"כ בא די אבות, איז ניט געבליבן קיין קדושה אין די דברים גשמיים שעשו בהם מצוה.

די ראי' אויף דעם איז פון דעם וואס אברהם אבינו האט געזאגט צו אליעזר'ן שים נא ידך תחת ירכי, איז דאך ניט פארשטאנדיק, אמת טאקע אז אברהם איז געווען מופרש מן התאוות פונדעסטוועגען איז דאך אבער שייך דער חשש ביי אנדערע, איז פארוואס עפעס האט ער אויסגעקליבן פונקט די מצוה, ער האט דאך אים געקענט באשווערן מיט אנדערע מצות?!

נאר דער טעם אויף דעם איז, ווילע קודם מ"ת איז ניט געווען קיין איין מצוה עס זאל בלייבן אין איר א קדושה, אויסער מצות מילה וואס זי איז געווען די איינציקע מצוה בדוגמא אזוי ווי די מצות שאחרי מתן תורה, כמבואר בלקו"ת לג"פ.

דער עיקר כוונה איז דאך מען זאל אויפטאן א זיכוך אין דער גשמי גופא, איז דער ענין האט זיך ערשט אויפגעטאן לאחרי מ"ת, און יעמולט איז נתגלה געווארן דער "אתה בחרתנו מכל העמים", אז דוקא אידן האבן דעם כח צו ממשיך זיין דורך עשיותיהם בגשמיות און ניט אוה"ע. ווארום אין די המשכות וואס אידן האבן ממשיך געווען דורך עשיותיהם ברוחניות קודם מ"ת זאגט זיך ניט אויס דער "אתה בחרתנו מכל העמים", כידוע וואס עס שטייט אין תניא (פמ"ט) אז דער "ובנו בחרת" איז מצד הגוף דוקא.

דער ענין פון בחירה איז דוקא בשעת ס'איז דא צוויי גלייכע זאכן, און פונדעסטוועגען איז ער בוחר אין דעם דוקא. בשעת ס'איז ניט קיין צוויי דברים שוים, איינער האט אין זיך די נקודה און איינער האט אין זיך א צווייטע נקודה, איז דאך ניט שייך דער ענין הבחירה, ווארום ממה נפשך, בשעת ער דארף האבן די נקודה נעמט ער די זאך און בשעת ער דארף האבן די צווייטע נקודה נעמט ער די צווייטע זאך, נאר ווען איז שייך דער ענין הבחירה, אין שנים דברים שוים דוקא.

וואס דערפאר זאגט מען אז דער אתה בחרתנו איז אין אידישע גופים דוקא: מצד הנשמה איז ניט שייך דער "ובנו בחרת", ווארום צו דעם האבן דאך גאר אוה"ע קיין שייכות ניט, נאר מצד הגוף, וואס ער איז ניט נאר קיין גשמי נאר אויך א חומרי, און ווי דער אלטער רבי איז מדייק דעם לשון בחומריותו, וואס ער איז דאך לכאורה גלייך צו גופי אוה"ע, אין דעם איז שייך בחירה.

וואס דאס איז אויך דער ביאור אויף דעם וואס עס רעדט זיך אין חסידות, וביחוד אין ר"ה'דיקע מאמרים, בענין "יבחר לנו את נחלתינו את גאון יעקב", רעדט מען אין דעם אז דאס איז אין א ארט וואס תומ"צ איז דארטן ניט נוגע און פון דארטן בעט מען אז יבחר לנו את נחלתינו מצד די מעלה פון אידן וואס זיי זיינען מושרש נאך טיפער ווי תומ"צ, איז דאך ניט פארשטאנדיק, פארוואס זאגט מען דעם לשון "את גאון יעקב" און ניט "גאון ישראל", מען האט דאך לכאורה געדארפט דערמאנען דעם שם המעלה פון אידן אויף צו פועל'ן אז יבחר לנו?

נאר דער פשט איז, אז ניט דאס איז דער ענין הבחירה. וואס דער ענין פון ישראל ויעקב בכללות איז אז ישראל איז דער ענין הנשמה און יעקב דער ענין הגוף, און אין דעם גוף דוקא איז די בחירה, כנ"ל.

און די בחירה אין אידישע גופים אע"פ שדומים לגופי אוה"ע, איז א בחירה חפשית ניט מצד הטעם, וואס די בחירה איז פון עצמות. כידוע אז אמיתית הבחירה חפשית איז נאר אין עצמות. אין אורות וגילויים קען ניט זיין אמיתית ענין הבחירה, ווארום וויבאלד ער האט דאך א גדר אז ער איז אור, איז דאך שוין במילא אויסגעשטעלט אז וואס מערער אור איז אלץ העכער. נאר דוקא אין עצמות, וואס ער איז ניט מוגדר אין קיין גדר ח"ו, פון אים דוקא איז אמיתית הבחירה חפשית.

און אט די בחירה איז נתגלה געווארן בשעת מ"ת, וואס ס'איז דער זמן פון עבודת הצדיקים. ווארום פסח איז דאך ידוע אז ס'איז עבודת הצדיקים און אזוי אויך שבועות וואס ס'איז דאך ניט קיין ענין בפני עצמו, נאר בהמשך און דער עצרת פון פסח.

איז כאטש אז דער "אתה בחרתנו מכל העמים" איז נתגלה געווארן בזמן עבודת הצדיקים, פונדעסטוועגען זאגט מען אז אויך אין דעם אתה בחרתנו איז קענטיק די מעלת התשובה, ד.ה. אז דער אתה בחרתנו פון בע"ת איז טיפער פון דער אתה בחרתנו פון צדיקים.

ג. ניט קוקענדיק אז דער אתה בחרתנו פון בע"ת איז טיפער, איז די התחלת הניגון פון דעם אתה בחרתנו פון צדיקים דוקא. איז דאך ניט מובן, וויבאלד אז דער אתה בחרתנו פון בע"ת איז טיפער, פארוואס הויבט מען טאקע אן מיטן אתה בחרתנו פון צדיקים?!

וואס אט די שאלה איז ניט נאר בנוגע צום ניגון, נאר אויך אין נגלה דתורה:

די משנה זאגט אז ניסן איז ר"ה לרגלים. און דאס איז נוגע אויך להלכה לגבי דעם דין פון "בל תאחר", זאגט מען אז התחלת המועדים איז פסח. פריער איז פסח, דערנאך שבועות, דערנאך סוכות.

אין ילקוט שטייט אז אויף חג הפסח ווערט אינגאנצן ניט דערמאנט אין תורה קיין שמחה, בחג השבועות ווערט דערמאנט איין מאל שמחה, און בחג הסוכות ווערט דערמאנט צוויי מאל שמחה. און ער איז מבאר דארטן דעם טעם אויף דעם, אז בחג הסוכות איז דער עיקר השמחה. איז דאך ניט פארשטאנדיק, פארוואס איז דער סדר המועדים באופן אחר, דער גאנצער ענין המועדים איז דאך וואס זיי זיינען "מועדים לשמחה", היינט וויבאלד אז דער עיקר השמחה איז בסוכות, און "כל המקודש מחבירו קודם לחבירו", האט געדארפט זיין דער סדר אז פריער זאל זיין סוכות, דערנאך שבועות, און ערשט דערנאך פסח?

וואס דאס איז דאך מובן פון דברי הילקוט עצמו, וואס ער זאגט דארטן אז בפסח איז זמן החרישה וזריעה איז נאך קיין שמחה ניט, בשבועות איז זמן הקצירה איז שוין דא שמחה אבער נאך ניט אויף אזוי פיל, נאר סוכות איז חג האסיף איז יעמולט איז דער עיקר השמחה. איז דאך פון דעם אליין מובן דער טעם סדר המועדים, אז מען קען ניט צוקומען צו דעם חג האסיף, סיידען אז פריער איז דא דער קציר, און עס קען ניט זיין דער קציר סיידען אז פריער איז דא די חרישה וזריעה. איז דערפאר הויבט מען אן מיט פסח, ווייל עס אמת אז דער עיקר השמחה איז בסוכות, אבער מען קען ניט צוקומען צו דער שמחה פון סוכות. סיידען אז פריער איז דא דער חג הפסח.

און אזוי איז מובן אויך אין עבודה, אז אמת טאקע אז דער עיקר המעלה איז אין בע"ת, אבער דאס גופא עס זאל זיין תשובה, איז דאס ע"י הקדמת התורה. ווארום דאס גופא ער זאל דערהערן אז "רע ומר עזבך את הוי' אלקיך", דאס איז ע"י התורה דוקא, וואס תורה ווייזט אים ער זאל דערהערן אז זיין מצב טויג ניט, און תורה ווייזט אים ווי ער זאל דערפון ארויסקריכן.

און דאס איז אויך דער סדר פון דעם ניגון: אז פריער גייט דער ניגון פון צדיקים און דערנאך דער ניגון פון בע"ת, ווייל תורה דוקא ברייגגט צו מעלת התשובה.

און דאס איז אויך דער סדר המועדים: די ערשטע זאך איז פסח און שבועות - עבודת הצדיקים. דערנאך ברייגגט דאס צו עבודת התשובה וואס דאס איז די שמחה פון סוכות. דערנאך גייט שמע"צ, וואס דא איז שוין די התכללות פון ביידן צוזאמען, ווארום שמע"צ ושמח"ת איז דאך בהמשך און י"ג ימים נאך יו"כ האט דאך דאס א שייכות צו תשובה, אבער די שמחה פון שמח"ת איז דאך ניט נאר אויף די לוחות שניות נאר אויך אויף די לוחות ראשונות, וואס דערפאר פרעגט מען דאך אין חסידות די קושיא פארוואס מען האט ניט קובע געווען שמח"ת בחג השבועות, וואס פון דער קשיא איז מובן אז די שמחה דשמח"ת איז שייכות אויך צו לוחות הראשונות, עבודת הצדיקים, וואס דאס איז די התכללות פוןביידע קוים צוזאמען, ד"משיח אתא לאתבא צדיקיא בתיובתא".

* * *

---

1) מועתק בזה הנדפס בספר הניגונים ח"ג (ע' נד) ע"ד הניגון:

הניגון הזה מחולק לשתי וריאציות. הראשונה - מכוונת נגד צדיקים והשני' - נגד בעלי תשובה. המנגינה הראשונה, לכן, מושרת במתינות ובפעם אחת (כלומר, לא חוזרים כמה פעמים על קטע אחד), רק כשמסיימים שרים אותה עוד פעם. לא כן המנגינה השני' שהיא מושרת בהתפרצות ובהסתערות וחוזרים על כל קטע פעמיים.

כ"ק אדמו"ר שליט"א הרבה לבאר את הענין בנוגע לחילוקים של צדיקים ובעלי תשובה הבאים לידי ביטוי בשתי הוריאציות של הניגון הזה בעת שלימדו[א], וכמו כן למחרת (בשבת בראשית - אסרו חג ד[שמע"צ ו]שמח"ת) שוב פעם ביאר את הענין.

2) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשכ"א" ע' 13-17.

---

*א) לע"ע לא מצאתיו.*

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 1

*ז)* [10] *אנעים*[1] *זמירות ושירים אארוג, כי אליך נפשי תערוג.*
*נפשי חמדה בצל ידיך, לדעת כל רז סודיך.*

*[פיוט "שיר הכבוד"]*

כ"ק אדמו"ר שליט"א לימד ניגון זה בליל שמח"ת (אחרי הקפות וסעודת יו"ט - לפנות בוקר) תשכ"ב.

**- א -**

כ"ק[2] אדמו"ר שליט"א הואיל אז - כנהוג בכל שנה:

1) ליתן (בידו הק') "משקה" לכל המקבלים על עצמם להוסיף בלימוד החסידות.

2) ללמד ניגון חדש; השנה לימד את הניגון "אנעים זמירות". וטרם שהתחיל לנגן אמר:

צו דעם ניגון איז דא א הקדמה מיט א סיפור.

די הקדמה איז: ס'איז פאראן כמה ענינים וואס אע"פ אז דער אלטער רבי האט עס ניט אריין געשטעלט אין סידור, פונדעסטוועגן האבן זיי א ארט, און אויך חסידות גופא איז מבאר די ענינים.

ע"ד ווי אמירת לשם יחוד קודם כל מצוה, אור חדש על ציון תאיר, אל תירא עבדי יעקב שאומרים בכמה קהילות במוצאי שבת. און עד"ז איז אויך שיר הכבוד, אז אע"פ אז אין סידור האט עס דער אלטער רבי ניט אריינגעשטעלט, פונדעסטוועגן איז דאך דאס א ענין נעלה אזוי ווי עס ווערט נתבאר בקבלה, און ווי דער לבוש איז מפליג בשבח השיר.

דער סיפור: דער סדר איז דאך אז במחרת יוהכ"פ, וואס ער ווערט אנגערופן "בשם השם", דאווענט מען בהשכמה. איז געווען אין א שטעטל איז מען געקומען מחרת יוהכ"פ דאווענען, האט מען געטראפן ווי א פוילישער חסיד טאנצט ארום דעם עמוד מיט דעם ניגון פון שיר הכבוד. און ער איז געווען אזויפיל אריין געטאן אין דעם, אז ער האט אזוי אפגעטאנצט אגאנצע נאכט, און פארגעסן גאר אז מען דארף זיך אפפאסטן.

יו"כ זיינען דאך אלע אידן דומים למלאכים. איז בשעת מען גייט אוועק פון יו"כ און מען גייט צוריק אריין אין עובדין דחול, איז ער געשטאנען מיט א געגועים פון נפשי אליך תערוג, און אין וואס דריקט זיך דאס אויס, אויף לדעת כל רז סודיך.

די זעלבע זאך איז בשעת מען גייט אוועק פון שמח"ת, יהיו לך לבדך ואין לזרים אתך, און מען גייט אין די ענינים פון ויעקב הלך לדרכו, איז כאטש אז אזוי איז דאך דער רצון העליון, פונדעסטוועגן שטייט מען אבער מיט א געגועים, און דאס דריקט זיך אויס אויף לדעת כל רז סודיך, ידיעת פנימיות התורה.

* * *

---

1) מועתק בזה הנדפס בספר הניגונים ח"ג (ע' נג) ע"ד הניגון:

מנגינה מלאה רגשי געגועים המבעת כוסף וגעגועי הנשמה לדבקותה באלקים חיים, המושרת עם המלים של שיר הכבוד (הנאמר בהרבה קהילות אחרי תפלת מוסף בשבת ויו"ט), "אנעים זמירות".

2) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשכ"ב" ע' 70-71.

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 1

ח) [11] *סטאוו*[1] *יא פיטו או פיאטניצו, או פיאטניצו, פראפאוו יא יא פראפאוו סוואיו טעליצו, טרעבא טרעבא זנאטי יאק גוליאטי, טרעבא טרעבא זנאטי יאק ברעכאטי, אוי חשבון צדק אדאוטי, פרעד פאנאם חזאיאנאם אטוועטשאטי, א מי פיעם, דא פיעם דא מי גולאיעם, און מיר טרינקען יין אזוי ווי מים, און מיר זאגען אלע צוזאמען לחיים, ואתה תשמע מן השמים.*

[בבבא השני', במקום "פיאטניצו" אומרים "שובאטו", ובמקום "טעליצו" אומרים "ראבאטו"].

כ"ק אדמו"ר שליט"א לימד ניגון זה בליל שמח"ת (אחרי הקפות וסעודת יו"ט - לפנות בוקר) תשכ"ג.

**- א -**

כ"ק[2] אדמו"ר שליט"א הואיל אז - כנהוג בכל שנה:

1) ליתן (בידו הק') "משקה" לכל המקבלים על עצמם להוסיף בלימוד החסידות.

2) ללמד ניגון חדש; השנה לימד את הניגון "סטאוו יא פיטו". ואח"כ אמר:

דאס איז א ניגון וואס חסידים האבן געהערט אין אוקריינא פון אנשים פשוטים און מ'האט עס אויסגענוצט אין עבודת ה', כנ"ל[3] בענין דרך הבעש"ט, און דעם ניגון וואלט מען זינגען בזמני שמחה, און אויך בשמחת תורה, אז בשעת עס קומט שוין שמח"ת, נאך די גאנצע עבודה פון אלול ר"ה וכו' כאפט מען זיך אז עס פעלט בכמה ענינים און אפילו בענינים עיקרים, וואס מצד דערויף מוז מען אנקומען צו יין המשכר, אז יין המשמח איז די התבוננות בגדלות הוי', בשעת אבער ער זעט אז דאס האט ניט געהאלפן, מוז ער אנקומען צו יין המשכר, אויף פארטרינקען דעם גוף ונה"ב, און ארויסגיין פון מדידות והגבלות, וואס דאס קומט ניט מצד ההתבונות בגדלות הוי', נאר מצד דעם וואס ער דערהערט דעם מיצר אין וועלכן ער געפינט זיך, צי דער מיצר החטאים, אדער דאס וואס ער געפינט זיך ניט במרחב העצמות, דארטן וואו זיין נשמה איז מושרש, וואס מצד דעם איז תשובתו אין אן אופן פון יין המשכר, אן מדידות והגבלות.

און אויף דעם איז ער מסביר אין דעם ניגון, אז מ'דארף וויסן (טרעבא זנאטי) ווי מ'דארף נעמען דעם יין המשכר (יאק גולאטי), און ווי צו אויסנוצן דעם יין המשכר ער זאל ארויסקומען אין פועל (יאק ברעכאטי, ווי צו ריידן, ד.ה. ווי אראפטראגן אין אותיות און אין פועל).

וואס דאס איז די נקודת הביאור פון דעם ניגון, און באריכות וועט מען רעדן אין דעם מארגן[4].

* * *

1) מועתק בזה הנדפס בספר הניגונים ח"ג (ע' נח) ע"ד הניגון:

שיר בשפה הרוסית, שכ"ק אדמו"ר שליט"א לימדו בליל שמח"ת תשכ"ג (אחר ההקפות לפנות בוקר).

2) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשכ"ג" ע' 61-62.

3) בהתחלת השיחה - בהחלק שלא נעתק כאן.

4) לע"ע לא מצאתיו.

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 1

*ט) [12] כי*[1] *אנו עמך ואתה אלוקינו, אנו בניך ואתה אבינו.*
*[פיוט בחזרת הש"ץ דתפלת שמו"ע ביוהכ"פ]*

כ"ק אדמו"ר שליט"א לימד ניגון זה בליל שמח"ת (אחרי הקפות וסעודת יו"ט - לפנות בוקר) תשכ"ד.

**- א -**

בהתוועדות דיום שמח"ת תשכ"ד - ניגנו את הניגון "כי אנו עמך", ואח"כ אמר[2]:

ווי שוין גערעדט (בשעת נתינת המשקה)[3], אז דאס איז א ניגון פון בעלי תשובה, וואס דעריבער גייט עס מיט א עקשנות. ער עקש'נט זיך איין און רעכנט זיך ניט דערמיט וואס מען זאגט למטה און דערמיט וואס מען זאגט למעלה, ער ווייסט אז אחרת אי אפשר, ער ווייסט און גייט מיט א עקשנות, אז עס מוז זיין אנו עמך ואתה אלקינו אנו בניך ואתה אבינו וכו', און דאס וואס איז געווען ביז איצטער איז אים ניט נוגע, אדרבה, ער דארף ווערן מרוצה וחביב יותר מכמו קודם החטא כמ"ש הרמב"ם. און דא איז אים ניט נוגע די פרטי התוארים פון מרוצה וחביב וכו', נאר כמשל הבורח מן ההיפך וואס אים איז ניט נוגע קיינע פרטים, אבי אנטלייפן פון רע כו'. ער ווייסט איין זאך, אז עס מוז זיין אנו עמך ואתה אלקינו וכו', אז עס דארף זיין ישראל ומלכא בלחודוהי.

* * *

1) מועתק בזה הנדפס בספר הניגונים ח"ג (ע' נה-נו) ע"ד הניגון:

מנגינה (או, מדויק יותר, תנועה) בעלת בבא אחת, שאיננה מסתיימת אלא שרים וחוזרים ושרים, המושרת על המלים של תפלת כי אנו עמך שאומרים ביוהכ"פ לפני אמירת הוידוי של הש"ץ.

ניגון זה לימד כ"ק אדמו"ר שליט"א בליל שמח"ת אחרי ההקפות (לפנות בוקר) בעת חלוקת המשקה, שנת ה'תשכ"ד.

וסיפר אז כ"ק אדמו"ר שליט"א, ששמע את הניגון הזה מאחד מהחסידים הזקנים שהוא זימזם את המנגינה הזאת בעת אמרו כי אנו עמך בתפלת יוכ"פ, ובסיום צום יוכ"פ התפרץ בריקוד נלהב בזמרו את הניגון הזה ובחזרו עוד פעם ועוד פעם על אותן המלים.

וביאר אז כ"ק אדמו"ר שליט"א, שהמנגינה הזאת היא מנגינת "תשובה", ולכן אין לה סיום (במובן המוסיקאלי המקובל), והיא נתונה לחזרה עוד ועוד, וזהו אמיתת ענין התשובה שלא להסתפק אף פעם ולא להיות שבע רצון, אלא לשאוף ליותר עומק ויותר עומק.

2) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשכ"ד" ע' 49.

3) לע"ע לא מצאתיו. - *תוכנו* נעתקה לעיל בהערה 1.

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 1

*יו"ד* [13] *הוא*[1] *אלקינו, הוא אבינו, הוא מלכינו, הוא מושיענו, הוא יושיענו ויגאלינו שנית בקרוב, וישמיענו ברחמיו לעיני כל חי לאמור: הן גאלתי אתכם אחרית כבראשית להיות לכם לאלקים.*

[*נוסח קדושת "כתר" דשבת ויו"ט*]

כ"ק אדמו"ר שליט"א לימד ניגון זה בליל שמח"ת (אחרי הקפות וסעודת יו"ט - לפנות בוקר) תשכ"ד.

**- א -**

בהתוועדות דיום שמח"ת תשכ"ד - ניגנו את הניגון "הוא אלקינו" כו' בלי התיבות, ואח"כ אמר[2]:

דער עיקר איז דא ניט דער ניגון, נאר די ווערטער. זאל מען עס צופאסן און אריינשטעלן אין די ווערטער, און מדגיש זיין די ווערטער: "*שנית בקרוב, הן גאלתי אתכם אחרית כבראשית*". - דעם ניגון האט געזונגען יחיאל אין כתר, פאר דעם רבי'ן נ"ע און פאר דעם רבי'ן.

* * *

---

1) מועתק בזה הנדפס בספר הניגונים ח"ג (ע' נב) ע"ד הניגון:

מנגינה עליזה ומבעת תקוה לגאולה השלימה בקרוב, המושרת עם המלים הוא אלקינו, הוא אבינו, שבקדושת כתר בתפלת מוסף דשבת. ניגון זה הי' שר החזן הרה"ח ר' יחיאל הלפרין ז"ל בליובאוויטש. בליל שמח"ת תשכ"ד אחרי ההקפות (לפנות בוקר) לימדו כ"ק אדמו"ר שליט"א לקהל החסידים שהיו נוכחים אז, ומאז שרים אותו תכופות אצל כ"ק אדמו"ר שליט"א בהתלהבות גדולה.

2) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשכ"ד" ע' 49.

*הערה:* לע"ע לא מצאתי שיחת ליל שמח"ת תשכ"ד.

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 1

*י"א) [1] צמאה[1] לך נפשי - לכ"ק אדה"ז*

*צמאה לך נפשי, כמה לך בשרי, בארץ צי' ועיף בלי מים.*
*כן בקודש חזיתיך לראות עוזך וכבודך.*

[*תהלים סג, ב-ג*]

כ"ק אדמו"ר שליט"א לימד ניגון זה בעת ההתוועדות דש"פ קדושים, מבה"ח אייר תשי"ד.

**- א -**

כ"ק אדמו"ר שליט"א התחיל אז את ההתוועדות באמרו[2]:

א. עס איז דאך בהמשך צו סעודת משיח דאחרון של פסח, זאל מען אנהויבן מיט'ן "אני מאמין"[3].

[ניגנו את הניגון "אני מאמין", ואח"כ אמר]:

דער רבי האט דאך געזאגט אז מען גייט צו משיח'ן, און אז גיין צו משיח'ן דארף מען גיין בשמחה. איז בשעת מען מאכט א חשבון אליבא דנפשו ממעמדו ומצבו, איז פון וואס זאל זיין די שמחה? מצד מצבו בעצמו איז ער דאך ... און אפילו דער קיום התומ"צ וואס ער איז מקיים, פילט ער דאך אויך ניט דאס וואס עס טוט זיך אויף דורך אים, ווארום איצטער איז דאך אלץ "מתן בסתר" - אזוי שטייט דער לשון - ו"כמונח בתיבה סתומה", איז פון וואס זאל זיין די שמחה?

דארף מען אבער וויסן: אז אלע המשכות טוען זיך אפ איצטער בזמן הגלות, און לעתיד לבוא וועלן נתגלה ווערן די ענינים וואס זיינען נמשך געווארן איצטער דוקא ע"י קיום התומ"צ, איז בשעת מען מאכט א חשבון אז באמת איז פאראן אלץ איצטער און סוף-כל-סוף וועט עס נתגלה ווערן, ברייננגט דאס א שמחה.

וואס דאס איז איינע פון די נקודות פון דעם תוכן פנימי של הניגון"ניע זשוריצי כלאפצי"[4], אז מען זאל ניט זארגן, ווארום: באמת איז שוין אלץ פאראן איצטער, און אז מען וועט קומען "דא קראטשאמקו" און פאנאנדערפאקן וואס מען האט, וועט מען ערשט יעמולט זען וואס מען פארמאגט און דאס ברייננגט דעם יין (ניט קיין יין וואס מען גיט פאר נדונים בעונש קשה), נאר יין המשמח, ד.ה. יין וואס איז מגלה אלע העכסטע ענינים.

זאגט דעם ניגון "ניע זשוריצי".

ב. [ניגנו את הניגון "ניע זשוריצי", ואח"כ אמר]:

פונדעסטוועגן דערוויילע אבער, גייענדיק אויפן וועג האט מען דאך פארט גארנישט, אמת טאקע אז איצטער טוט זיך אויף אלצדינג און סוכ"ס וועט עס קומען אויך בגילוי, אבער דערוויילע איז דאך פארט אלץ בהעלם און מען פארמאגט גארנישט, איז פון וואס זאל זיין די שמחה?

איז אויף דעם פאראן אן עצה פון צמאון: דאס גופא וואס מען איז צמא צו גילוי אלקות, איז דער צמאון אליין מרוה במקצת, ווארום דער צמאון הויבט אויף אין דעם ארט צו וועלכן מען איז צמא, כמאמר הבעש"ט: "במקום שרצונו של אדם שם הוא בעצמו".

[וואס דאס איז דאך אויך וואס עס שטייט אויף די שרפים, "שרפים עומדים ממעל לו", "ממעל" פון זייער חיות שבעולם הבריאה, ווארום דורכדעם וואס זיי זיינען זיך מתבונן אין דעם אי"ע וההבדלה פון אצילות וואס איז מובדל פון דעם ארט וואו זיי געפינען זיך

- די "שרפים" זיינען דאך בעולם הבריאה ווי עס שטייט "ואראה את אד' יושב על כסא" און רעדט דארטן וועגן די שרפים, און "כסא" גייט אויף בריאה, כורסיא וואס בריאה לגבי אצילות איז באי"ע -

וואס דאס איז דאך וואס זיי זאגן "קדוש קדוש כו'", דאס אליין הויבט זיי אויף אז זיי געפינען זיך טאקע אין דעם ארט צו וועלכן זיי זיינען צמא, וואס דאס איז "עומדים ממעל לו" - "ממעל לעולם הכסא", וואס דאס איז עולם האצילות].

איז דאך דער ענין הצמאון אן עצה אויף מרווה זיין במקצת עכ"פ, ובפרט בימי הספירה[5], וואס דער ענין הספירה איז דאך דער צמאון צו מ"ת, וואס מען ציילט די טעג ווען עס וועט זיין מ"ת.

און דאס איז אויך וואס דוד המלך האט געזאגט, "צמאה לך נפשי כמה לך בשרי גו' כן בקודש חזיתיך", טייטשט דאך דער אלטער רבי בשם מורינו הבעש"ט נ"ע: "כן בקודש חזיתיך" - "הלואי - בקודש חזיתיך", אז הגם ער געפינט זיך טאקע - "בארץ צי' ועיף בלי מים", פונדעסטוועגן ווינטשט מען זיך "הלואי - בקודש חזיתיך". וואס דאס איז מצד גודל מעלת הצמאון כנ"ל, ביז אז אויך "בקודש מלה בגרמי'" וואס איז העכער פון "קדוש", ווינטשט מען זיך "הלואי" - אז יעמולט זאל זיין אזוי.

עס איז פאראן דעם אלטן רבי'נס א ניגון "צמאה לך נפשי", זאגט דעם ניגון.

[שום אחד מהמסובים לא ידע את הניגון, וניגן כ"ק אדמו"ר שליט"א בעצמו את הניגון כמה פעמים].

ג. ווי איז אבער אז דער צמאון איז אויך ניטא, איז די עצה צו זיך מתבונן זיין אין דעם גופא ווי מען איז אזוי ווייט אז מען האט אפילו ניט קיין צמאון. ד.ה. אז די עצה צו דעם איז מרירות והתעוררות רחמים רבים על נפשו וואס ער איז אזוי ווייט אז ער איז אפילו ניט צמא.

וואס דאס איז דאך דער תוכן הבקשה שבתפלת ברחמיך הרבים רחם עלינו ותן בלבינו בינה להבין כו'. ד.ה. אז די רחמנות אויף אים איז אזוי גרויס אז ער ווייס אפילו ניט וואס פאר א רחמנות עס איז אויף אים, ווארום מצד דעם גודל הירידה פילט ער אפילו ניט דעם רחמנות וואס אויף אים איז. וואס דערפאר בעטן מיר ברחמיך הרבים רחם עלינו, ברחמיך דייקא, ווארום מיר ווייסן גארניט וואס פאר א רחמנות עס איז אויף אונז. און דאס בעטן מיר ותן בלבנו בינה להבין, מיר זאלן פארשטיין דעם גודל הרחמנות וואס אויף אונז.

און דורך די מרירות והתעוררות רחמים, קומט מען צו אז מען איז מרגיש דעם רחמנות און מען וועט נתעורר מיט א צמאון צו אלקות.

און דאס איז דער תוכן פנימי פון דעם ניגון וואס חסידים האבן געזונגען, שוין כמה דורות, עסן[6] עסט זיך כו' אבער דאווענען דאוונט זיך ניט. וואס דאס איז די מרירות והתעוררות רחמים אויף דעם וואס בשעת עס קומט צום עסן דארף מען ניט האבן קיין התבוננות והשתדלות, און אז ס'קומט צום צמאון צו אלקות, דארף מען אויף דעם האבן הכנות והתבוננות.

[כ"ק אדמו"ר שליט"א ציוה לנגן את הניגון "עסן עסט זיך"].

בהמשך ההתוועדות אמר שיתלמדו את הניגון "צמאה לך נפשי". וניגן כמה פעמים את הניגון כדי שיתלמדו. וטרם שהתחיל לנגן אמר:

דער רבי האט אמאל געזאגט אז מען וועט ניט מדייק זיין אויף אן אכטל. איך וועל שוין איצטער ניט מדייק זיין אויך אויף א זעכצנטל.

[כאשר התלמדו הניגון, ניגנו המסובים איזה תנועות ניט ריכטיק, והגיה כ"ק אדמו"ר שליט"א איך שצריך לנגן ואמר]:

דער גאנצער ניגון ביז דעם דריטן מאל "כן בקודש" גייט בעלי'.

[גם אמר:] די ערשטע צוויי מאל "כן בקודש" איז דאס א צמאון ובקשה, במילא גייט דא ניט אן קיין פוץ און קיין קנייטש, נאר גלייך כדרך בקשה. דעם דריטן מאל "כן" איז דער טייטש כן מלשון "הן".

* * *

**- ב -**

בהתוועדות דאחש"פ תשי"ז ציוה כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן את הניגון "צמאה לך נפשי", ואח"כ אמר[7]:

א. דער פסוק כפשוטו רעדט זיך וועגן דעם זמן וואס דוד איז געווען במדבר יהודה, ווייט פון עיר המלוכה וכו', און יעמולט איז ער געשטאנען בצמאון. וידוע פירוש הבעש"ט אויף דעם פסוק "כן בקודש חזיתיך" - דפירוש הפשוט הוא אז דער צמאון איז אז ער איז צמא צום "בקודש חזיתיך גו'", והבעש"ט פירש אז כן מלשון הלואי, אז ער ווינטשט זיך אז בקודש זאל ער האבן דעם צמאון אזוי ווי זייענדיק אין מדבר יהודה.

דאס איז דאך א פסוק אין תהלים, א טייל פון תורה, דתורה היא הוראה נצחית בכל זמן ובכל מקום לכאו"א, איז דער פסוק א הוראה:

בשעת אז א איד געפינט זיך בזמן הגלות, אין אן אופן וואס "כל גוים סבבוני", און אוה"ע האבן א שליטה אויף אים,

- וואס באמת איז ווי איז שייך אז אוה"ע זאלן האבן א שליטה אויף אידן בשעת אז אידן זיינען "בנים אתם להוי' אלקיכם", איז ווי איז שייך אז אימיצער זאל האבן א שליטה על בניו של מלך ממה"מ הקב"ה?

איז דאס מערניט מצד וואס דער איד אליין האט עס צוגעלאזן. דזהו"ע "הגוי אשר בקרבך", הגוי שבכאו"א כמ"ש בלקו"ת. וזהו "כל גוים סבבוני", אז בפנימיות בלייבט ער ווי ער איז געווען, בפנימיות איז דאך ניט שייך קיין שינוי ח"ו וכנ"ל בארוכה אז בא יעדער אידן איז "אנכי הוי' אלקיך - כוחך וחיותך", אבער מבחוץ איז "גוים סבבוני", דער גוף אשר בקרבו, ביז ס'איז ניט קענטיק אז ער איז א איד בפנימיות, ווייל די חיצוניות איז מעלים אויף די פנימיות.

ב. סיפר כ"ק מו"ח אדמו"ר: החסיד ר' שמואל מונקעס איז געווען מצעירי החסידים של רבינו הזקן, און ער האט ליב געהאט א צחות.

בשעת ער איז געקומען דער ערשטן מאל צום אלטן רבי'ן קיין ליאזנע, איז ער אנגעקומען אין ליאזנע אין מיטן נאכט, כשכל אנשי העיר היו ישנים. ר' שמואל האט פארשטאנען אז בא דעם רבי'ן אין שטוב איז נאך ליכטיק, ווארום ער לערנט דאך א גאנצע נאכט, האט ער זיך געמאכט א סימן, אז בשעת ער וועט זעהן א הויז וואס עס לייכט זיך, וועט ער וויסן אז דאס איז דעם אלטן רבי'נס הויז.

ר' שמואל האט זיך געדרייט איבער די ליאזנער גאסן ביז ער האט געזעהן א שטוב וואס לייכט זיך. איז ער צוגעגיינגען אהין און אנגעקלאפט אין טיר. דער אלטער רבי אליין האט געעפנט די טיר (ווייל די אנשי הבית זיינען שוין געשלאפן), דער אלטער רבי האט אים געפרעגט וואס ער וויל, האט ר"ש געענטפערט: איך וויל דא איבערנעכטיקן. זאגט אים דער אלטער רבי, צי דען האסטו ניט געפונען קיין אנדער הויז אויף איבערנעכטיקן? האט ר"ש געענטפערט: דא איז דאך אויך א אידישע הויז. זאגט אים אדה"ז: איך קען רופן דעם "גוי" וועט ער דיר ארויסטרייבן. האט ר"ש פאנאנדערגעוויינט זיך און געזאגט: רבי! מיין גוי איז שטארקער פון אייער גוי. בשעת ער האט דאס געזאגט, האט אים דער אלטער רבי ארייגעלאזט. און דאס איז געווען התחלת קירובו לאדמו"ר הזקן.

א סיפור וואס א רבי דערציילט ובפרט בשעת ער דערציילט אין א אופן אז מען זאל דאס מפרסם זיין דערנאך, איז דאס א הוראה אין עבודה.

די הוראה פון דעם סיפור איז:

בשעת א איד גייט אין דער פינצטער ביינאכט, ער פילט אז אים איז פינצטער, און זוכט זיך א ארט וואו צו איבערנעכטיקן, זוכט זיך א מקום מקלט, דארף ער וויסן אז וואס דארף ער זוכן, א אידישע הויז. ער דארף גארניט האבן מערניט ווי א אידישע הויז. און א סימן אז ס'איז א אידישע הויז, אז עס לייכט זיך. הגם ער זעהט גרעסערע הייזער און שענערע הייזער, אבער וויבאלד אז דארטן לייכט ניט, איז דאס היפך הכוונה, ווארום די כוונה איז להאיר אור דוקא, און וויבאלד אז ס'איז היפך הכוונה איז ווי גרויס און שיין דאס זאל זיין, איז דאס ניט קיין ארט פאר אים. דארטן וועט ער ניט האבן קיין מקום מקלט, ווייל ס'איז היפך הכוונה ובמילא אויך היפך ענינו.

בשעת אז ער קומט שוין צו דער אידישע הויז, זאל ער ניט מיינען אז ער קען אהין אריינגיין מיט זיינע גאנצע גראבשאפט און חומריות, און ער וועט מיינען אז מען וועט אים נאך געבן א דאנק וואס ער איז געקומען, זאגט מען אים, מען קען דיך אזוי ניט אריינלאזן, און די ערשטע זאך פרעגט מען אים, נאך וואס ער איז געקומען און וואס דארף ער דא.

ווארום מצד דעם רוב חומריותו און דעם רוב החושך אין וועלכן ער געפינט זיך, קען זיין לפעמים אז ער ווייס גארניט אז מען דארף עפעס זוכן און בעטן ובפרט אז ער ווייס ניט וואס צו בעטן. דערפאר פרעגט מען אים נאך וואס ביסטו געקומען, וואס דורך דעם אליין איז מען אים מעורר, וע"ד "ושאינו יודע לשאול את פתח לו", אז הגם ער מצד עצמו איז שאינו יודע לשאול פונדעסטוועגן פותחים לו פתח און מען איז אים מעורר ער זאל וויסן וואס צו פרעגן און וואס צו בעטן.

און אט די שאלה רופט בא אים ארויס אז ער ענטפערט, איך וויל אריינגיין אין א אידישע הויז אויף איבערנעכטיקן. איך זוך גארניט, איך דארף ניט קיין עוה"ב, קיין ג"ע צי ש"י עולמות והדומה, איך וויל מערניט ווי א אידישע שטיקל הויז. ווארום וויסנדיק פון וואנעט איך קום, פון "ארץ צי' ועיף בלי מים", און איך בין ארומגעגיינגען א גאנצע נאכט אין דער פינצטער, וויל איך איין זאך, מען זאל מיר אריינלאזן אין א אידישע הויז. ולעשות דירה לו ית'.

זאגט מען אים, אז ער קען נאך אזוי גיך ניט אריינגיין, ווארום ס'איז דא א "גוי" וואס קען אים ארויסווארפן. ד.ה. אז מצד זיין גוי שבפנים, איז געווארן אויך א גוי מבחוץ, ד.ה. די העלמות והסתרים שבעוה"ז, וואס זיי לאזן אים ניט להסתפח בנחלת הוי'.

און הערנדיק דאס, וויינט ער זיך פאנאנדער. וכמ"ש אדמו"ר האמצעי דגם קל שבקלים בשעת מען זאגט אים אז מען וויל אים אפרייסן, איז ער זיך מוסר נפשו בפועל על קידוש השם, כאטש אז כל ימיו האט ער זיך געפירט בהנהגה הפכית, אפילו אין ענינים וואס עס האט זיך ניט געפאדערט קיין מס"נ, איז אבער בשעת ער הערט אז ס'איז דא א זאך וואס וויל אים אפרייסן פון אחדות השם, איז ער מוסר נפשו על קוצו של יו"ד. וכמבואר במ"א אז דאס רירט אן אין יחידה שבנפש, וואס מצד יחידה ווערן נתבטל כל הקליפות.

דערפאר איז בשעת ער דערהערט אז ס'איז דא א גוי וואס וויל אים ארויסווארפן מהסתפח בנחלת הוי', ווערט ער נתעורר ובוכה במר נפשו אויף זיין הנהגה שהיתה עד עכשיו, און טענה'ט "מיין גוי איז שטארקער", שמרגיש את הרע אשר בנפשו, וגם חוט השערה נדמה לו כהר.

און די מרירות ולב נשבר איז א כלי אז מען עפנט אים ערשט יעמולט די טיר און מען לאזט אים אריין אל הקודש פנימה, און ער ווערט נתקשר ניט נאר מיט זיין יחידה נאר אויך מיט זיין נר"נ, ביז אז אויך מצד דעם גוף ונה"ב ווערט ער אויך מקושר צו אלקות.

[חסר ביאור ההוראה דענין צמאה לך נפשי גו'].

* * *

**- ג -**

בהתוועדות די"ב תמוז תשכ"ג שר כ"ק אדמו"ר שליט"א בעצמו את הניגון "צמאה לך נפשי", ואח"כ אמר[8]:

עס איז דא די תורה פון בעש"ט וואס ברייננגט אראפ דער אלטער רבי, און דערנאך דער רבי דער נשיא, אז ער האט מבאר געווען אז בשעת דוד איז געווען במדבר יהודה וואס דעמאלט איז ער דאך געווען בארץ צי' ועיף בלי מים, וואס דעמאלט איז דאך געווען דער צמאה לך נפשי כמה לך בשרי, און ווי ער זאגט אין אן אנדער פסוק "כי גרשוני היום מהסתפח בנחלת הוי'", און פונדעסטוועגן האט ער זיך געוואונטשען אז כן, הלואי, בשעת ער וועט זיין בקודש, ווארום ער איז דאך מובטח אז מן המיצר וועט ער קומען אין המרחב האמיתי, איז הלואי בקודש חזיתיך ע"ד ווי ער האט עם געזען ווען עס איז געווען מתוך עאקו ודחקות, פון דעם ארץ צי' ועיף פון דעם מדבר יהודה.

[כ"ק אדמו"ר שליט"א ציוה לנגן את הניגון עוד הפעם].

* * *

**- ד -**

בהתוועדות דח"י אלול תשל"א - אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א[9]:

א. אזוי ווי ס'איז דאך א התוועדות אין א טאג וואס מען גיט דאס איבער בשעת מעשה אויך

למקומות וואס בגשמיות זיינען זיי רחוק, ביז אויך אין ארץ הקודש, איז כאן ההזדמנות והשגחה פרטית אויף זאגן א פאר ווערטער במיוחד צו די עולים אין ארה"ק, און די וואס זיינען געקומען משאר המדינות ממדינות ההם,

ובהקדים, ס'איז א יום הולדת פון דעם בעש"ט און דעם אלטן רבי'ן, וואס בקדשים איז דאך "הלילה הולך אחר היום", איז דאך דאס ח"י אלול ניט קוקנדיק וואס ס'איז שוין לאחר תפילת ערבית. און ווי געבראכט אין ב"ח, אז ס'איז געווען אמאל ערב שבת אז מען האט מקבל שבת געווען און געדאוונט מעריב און געגעסן סעודת שבת און געגאנגען לטייל - "ועדיין הי' היום גדול", ס'איז נאך געווען דער שמש פון דעם יום הששי, און בא אידן איז געווען בה בשעה דער ענין אז ס'איז שוין נאך קבלת שבת און נאך סעודת שבת, מען קען שוין טראכטן וועגן דעם עונג שבת וואס קומט לאחרי הסעודה.

ב. ס'איז דאך ידוע די תורת הבעש"ט אויף "כן בקודש חזיתיך" - "הלואי - בקודש חזיתיך", אז אין דעם וואס דוד המלך זאגט דאס בשם כל אחד ואחת מישראל, בשם כנסת ישראל, אז די תנועה מיט דעם מעמד ומצב פון מסירת נפש וואס ער איז געשטאנען, ועד"ז ביי יעדער אידן ווען מען איז געווען "בארץ צי' ועיף בלי מים", איז הלואי זאל זיין אזוי ווען ער איז "בקודש", ווען ער וועט זען אלקות "בקודש" - אין ירושלים עיה"ק און אין ארץ ישראל בכלל, וואס "עתידה ירושלים שתתפשט בכל ארץ ישראל", ווי ער זאגט אין ילקוט שמעוני אין מדרש הידוע.

וואס וויבאלד תורה זאגט "הלואי", איז דאך דאס ניט נאר א בקשה נאר א *נתינת כח* אז מען זאל אויספירן בפועל - אז אט די תנועה פון מסירת נפש וואס זיי זיינען געשטאנען במדינות ההם, און זיינען דורכגעגיינגען אלע נסיונות, און זיינען ארויסגעגיינגען בגופם ובנשמתם, בני אברהם יצחק ויעקב, ובעניניהם ביי יעדערן לפי ענינו ומעמדו ומצבו, איז מיט'ן נתינת כח מלמעלה זאל עס זיין אזוי "בקודש חזיתיך", בשעת מען געפינט זיך אין אן ארט וואס דארטן איז ניטא דער העלם והסתר פון גזירות און העלמות והסתרים אז מען לאזט ניט צו לימוד התורה וקיום המצוות, נאר מען קען דארטן לערנען בחירות ובהתמדה ושקידה, און אדרבה ביתר שאת ויתר עוז,

זאל מען זיך ניט דערשרעקן אז מען איז ניט געוואוינט צו תרי"ג מצוות, ווארום דעמולט במקום ההוא איז געווען כמה ענינים אז ס'איז גאר ניט געווען קיין מציאות אויף זיי מקיים צו זיין,

[וואס דאס באווייזט דאך ניט אויף פחיתות המעלה, נאר בדוגמא ווי דער אלטער רבי ברייננגט אין לקוטי תורה אז ר' שמעון בן יוחאי ווען ער איז געווען אין דער מערה, איז ביי אים ניט געווען דער ענין פון מצה וכיו"ב בגשמיות; עד"ז ווען מען איז געווען במדינה ההיא, און ס'איז געווען כמה עניני מצוות וואס איז ניט געווען ביכולתם לקיים],

איז אט דער צער וואס מען האט געהאט פארוואס מען קען זיי ניט מקיים זיין, איז אט דאס איז נאך עולה למעלה יותר ווי דער קיום המצוה, כמובן דערפון וואס מען זאגט אז דער וואס וויל מקיים זיין א מצוה ונאנס ולא קיים, איז "מעלה עליו הכתוב כאילו עשה", האט מען דאך גערעדט דערויף אמאל בארוכה, אז ווי א איד טוט א מצוה איז ער דאך פארט א נשמה בגוף, איז אט דעמולט זאל זיין דער "כמצות רצונך" איז דאס בכלל א שווערע זאך צו מקיים זיין, עאכו"כ בזמן הגלות קען גארניט זיין "כמצות רצונך", ווארום ער איז ניט בגלוי בשלימות אין דעם אופן פון אדמה לעליון, דאס קען ערשט זיין לעתיד לבוא; משא"כ אז נאנס ולא עשה, איז דעמולט "מעלה עליו *הכתוב* כאילו עשה": ביים "כתוב" איז ניטא קיין מניעות ועיכובים צי דאס איז זמן הגלות צי ניט, במילא, מצד דעם "כתוב" טוט זיך אויף די מצוה בכל השלימות, דער "כאילו עשה" איז מיט כל השלימות שבדבר.

ובפרט ווי ס'איז דא אין א דרוש (וואס איז ניט געדרוקט[10]) פון דעם מיטעלן רבי'ן, וואס דער דרוש הייבט זיך אן "להבין לקיחת אנשי חיל מישראל ביד נכרים"[11] (וואס בזמנו איז געווען די גזירה), און ער פרעגט דארטן די קשיא: היתכן בשעת מען נעמט זיי אין צבא (אין דעם צבא פון צאר אין רוסלאנד), איז דאך ניט געווען די מציאות אויף מקיים זיין די מצות אפילו *מיט* מסירת נפש. און ער איז דארטן מבאר, ווי אזוי דעמולט טוט מען אויף דורך קיום המצוות און דערנאך בשעת דער אויבערשטער מאכט אין אזא מעמד ומצב אז מען קען זיי ניט מקיים זיין, איז אט דעמולט וויבאלד אז ער איז מצטער על זה און ער איז מוכן ומזומן וכו', האט זמן ההוא אין זיך א מעלה אפילו לגבי דעם זמן וואס ער האט מקיים געווען די מצוה בפועל (ווי ס'איז מובן דארטן פון דעם דרוש, אע"פ וואס דער דרוש איז ניט קיין ארוך בכמות).

ג. עד"ז בהנוגע לענינינו: ס'איז דאך דא אזוינע וואס קענען זיך דערשרעקן, אז ווען מ'איז

דארטן געווען האט מען אויף זיי ארויפגעלייגט דעם קיום פון מצוות און זיי האבן זיי מקיים געווען מיט מסירת נפש, איצטער אז מען קומט אין אן ארט וואס מען מאנט ביי זיי[12], און דער אויבערשטער גיט זיי כח אויף ממלא זיין די תביעה ללמוד תורה ביתר שאת וביתר עוז ולקיים כל המצוות בהידור, דערשרעקן זיי זיך אפשר וועט דאס זיין שלא לפי כחם, און אפשר וועלן די קינדער ניט וועלן דאס מקבל זיין, און אפשר וועט דאס ניט מצליח זיין, זיי וועלן מאנען, די קינדער וועלן ניט פאלגן וכו' וכו',

זאל מען וויסן זיין, אז יעדער ענין איז בהשגחה פרטית, אז דער אויבערשטער האט זיי ארויסגענומען אין אן אופן ניסי משעבוד לחירות אין לימוד התורה און קיום המצוות,

[אע"פ וואס מען געפינט זיך נאך טיף אין דעם גלות וואס ער איז א חושך כפול ומכופל, און איינע פון די ראיות דערויף (הלואי וואלט די ראי' שוין בטל געווארן), אז ס'איז נאך קיינמאל ניט געווען אזא מין חושך כפול ומכופל צווישן אידן, אז עס זאל קענען זיין א ספק ווער איז א גר, ביז אז עס קען זיין א סברא - וואס זי איז א סברא פראית, אפילו א משוגענער וועט דאס ניט זאגן - אז א פאפירל מאכט פון א גוי א אידן, אדער דאס וואס ער זאגט אז ביי אים איז איינגעפאלן אז ער איז א איד!

וואס מער ניט מצד דעם חושך כפול ומכופל איז רעכט, אז כאטש עס זאל זיך אויסווייזן אז ס'איז דא אן ענין הפכי לגמרי, זאל מען מיינען אז דער ענין איז בסדר!

וואס מען דארף קיין בעסערע ראי' ניט האבן אז ס'איז ניט אתחלתא דגאולה. ס'איז נאך קיינמאל ניט געווען אזא חושך כפול ומכופל אין די ימי הגלות זינט די לעצטע אנדערהאלבן יאר, אז ס'איז נאך דא עטליכע אידן וואס זיי שעמען זיך ניט צו זאגן אז עס קען זיין א גר דורך דערויף וואס ער וועט האבן א פאפירל שאין בו ממש, אדער ער וועט אפילו קיין פאפירל אויך ניט האבן, ער וועט מערניט ווי *זאגן* אז ער איז א איד, און דערפאר וועט מען אים שרייבן און ארויסגעבן א פאפיר אז ער איז א "יהודי", מיט די אלע ענינים!

וואס דאס איז היפך האמת, ניט נאר דאס איז אן ענין המזיק - דאס איז אן ענין וואס עס איז ניט בגדר אנושי: א מענטש וואס האט א שכל וועט ניט זאגן אויף אזא זאך מיינענדיק אז דאס איז אזוי, ס'איז מערניט וואס דער גלות איז געווארן נאך טיפער, נאך פינצטערער און נאך נידעריקער, אז ווייטער איז שוין ניטא וואוהין צו גיין, עס מוז שוין קומען די גאולה האמיתית והשלימה, ווייטער איז ניטא וואו צו זינקען און צו פאלן ר"ל].

און דאס איז וואס זיי קענען באווייזן זייער תפקיד, און זייער שליחות קדושה וואס דער אויבערשטער האט אויף זיי ארויפגעלייגט אין "כן בקודש חזיתיך" - "*הלואי* בקודש חזיתיך", אז אנקומענדיק אין די מדינות וואו מען קען לערנען תורה און מקיים זיין אלע מצוות מתוך שמחה והרחבה אן קיינע גזירות ורדיפות, עאכו"כ אז מען קומט אין ארה"ק, זאלן זיי ניט קוקן אויף די וואס גיבן זיי הוראות און די וואס העלפן זיי ארויס בכמה ענינים, נאר זיי זאלן וויסן זיין, אז זיי זיינען געקומען אהינצו - בדוגמא ווי זייער נשיא דער רבי האט געזאגט קומענדיק אין אמעריקא, אז ניט צוליב הצלת עצמו איז ער געקומען אהערצו, נאר אויף צו מציל זיין אמעריקא, מאכן פון אמעריקא א מדינה של תורה, און האט דאס אויסגעפירט,

עד"ז איז אויך תפקידם קומענדיק אין ארה"ק - באווייזן אז זיי זיינען פארשטייער פון א גוי קדוש, ניט קוקנדיק וואס צענדליקער יארן זיינען זיי געווען אונטער א גזירה איומה,

און ניט נאר אז זיי שעמען זיך ניט דערמיט וואס ס'איז דא "המבדיל בין ישראל לעמים" אז זיי זיינען אידן און די גוים זיינען גויים, און עס קען ניט זיין אז מ'זאל אראפנעמען די מחיצה; נאר נאך מער, זיי זאגן אז א איד איז ניט אט דער וואס טוט מצוות ע"ד ווי זיי האבן געטאן אין רוסלאנד זייענדיק, אדער אין פולין וכיו"ב, נאר אין יעדער ארט וואו נאר ער האט א מעגליכקייט צו מוסיף זיין ביתר שאת וביתר עוז, איז ער מוסיף נאך א מצוה מיט נאך א שיעור אין תורה, און טוט דאס בשמחה וטוב לבב,

און ער האט אמונה אין זיינע קינדער און אין זיינע אייניקלעך, אז זיי וועלן מקבל זיין אויף זיך עול תורה און עול מצוות, אלע ענינים אין תורה און אלע מצוות אין וועלכע מען איז מחוייב בזמן הזה אין חו"ל, ועד"ז בזמן הזה אין ארה"ק, און טאן די אלע ענינים אין אן אופן פון ו"עבדת את הוי' אלקיך בשמחה ובטוב לבב".

ד. און ווי דאס מיינט בפרטיות, אז זיי וועלן אויסקלייבן ערטער וואו צו באזעצן זיך צווישן אידן שומרי תורה ומצוה, און זאלן זיך ניט צוקוקן ווי דער צווייטער איד איז לומד תורה ומקיים מצוות, נאר ער וועט זיך נאכפרעגן וואס קען ער טאן נאך מערער אין לימוד התורה

און אין קיום המצוות,

איז א זיכערע זאך, פונקט ווי דער אויבערשטער האט זיי ארויסגענומען באופן ניסי פון זייער שעבוד וואס מען האט ניט געקענט מקיים זיין מצוות באונס, אז איצטער אז מען קען מקיים זיין מצוות, וועלן זיי האבן "בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו", און די קינדער וועלן מיט זיי מיטגיין און די אייניקלעך וועלן מיט זיי מיטגיין,

און זיי וועלן זיין אט די וואס וועלן מפיץ זיין דעם אור תורה ונר מצוה אין ארה"ק און אין ארה"ב ובכל מקום שהוא, אויב זיי וועלן נאר מאכן די אצבע קטנה ווי ער זאגט אין מדרש, א קליינע אנשטריינגונג אויף אנהויבן זייער עבודה אין מוסיף זיין אין לימוד התורה וקיום כל מצוותי' מתוך שמחה וטוב לבב,

אע"פ וואס כל התחלות קשות - אין די ערשטע צייט וועט דאס זיי אנקומען שווער מיטאמאל אנהויבן צו מקיים זיין אלע מצוות וואס מען האט זיך דערפון אפגעוואוינט מצד סיבות שאינם תלויות בהם לגמרי, כידוע צו די אלע וואס ווייסן די תנאי החיים דארטן,

און דעמולט וועלן זיי דורכברעכן די ווענט פון גלות, דער גלות פון דעם יצה"ר און דעם גלות פון די שונאי ישראל, פון אומות העולם, און פון דער גלות בכלל,

און זיי וועלן אראפברייננגען דעם נר מצוה ותורה אור אין זייער טאג טעגליכן לעבן, לעבן א פולן לעבן, א תורה לעבן על יסודי התורה והמצוה, זונטיק און מאנטיק און דינסטיק און מיטוואך און דאנערשטיק און פרייטיק און עאכו"כ ביום השבת קודש, און טאן דאס מתוך שמחה וטוב לבב.

און ס'איז א זיכערע זאך אז עס וועט זיין דער "אם בחוקותי תלכו" - "שתהיו עמלים בתורה", "ואת מצותי תשמרו ועשיתם אותם, ונתתי גשמיכם בעתם", ווי דער בעש"ט טייטשט דאס אפ, אז דער אויבערשטער וועט זיי געבן זייערע גשמיות מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, אע"פ וואס לעת עתה קומט דאס אן מיט שוועריקייטן. זיי דארפן אבער טאן די שליחות פון דעם אויבערשטן אויף אריינברייננגען אין זייער טאג טעגליכן לעבן די הוספה ובהידור גדול - פון לימוד התורה וקיום כל מצותי', וועט דער אויבערשטער טאן כביכול זיין שליחות, אז ער זאל זיי געבן בני חיי ומזוני רויחא, ובכללות א כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה.

ה. ויהי רצון אז די רייד זאלן דערגיין בכל מקום ומקום, און דער עיקר, ניט קוקנדיק אויף דעם וואס האט גערעדט די רייד, זאלן זיי דאס אננעמען מצד די אמיתית שבהם -

אז זיי זיינען איצטער שלוחים פון דעם אויבערשטן, נאך דערויף וואס דער אויבערשטער האט זיי אויסגעפרוואווט צענדליקער יארן נאכאנאנד אין א מצב איום ונורא, און זיי זיינען בייגעשטאנען דעם נסיון, געבליבן מאמינים בני מאמינים און לומדי תורה ומקיימי מצותי' כפי האפשרי שלהם דעמולט, האט דער אויבערשטער זיי אויסגעקליבן פאר שלוחים נאמנים, אז א טייל פון זיי זאלן קומען אין ארה"ק און דארטן אויפשטורעמען דעם דעת הציבור, אז ארץ ישראל איז דאס ניט סתם א לאנד, נאר דאס איז "אויאשטשענאיא זעמלא", "די הייליקע לאנד" וואס דער אויבערשטער האט זי אפגעגעבן בלויז פאר בני אברהם ביי ברית בין הבתרים, און גוים האבן דארטן קיין חלק ניט און קיין נחלה ניט און קיין רשות ניט און קיינע ענינים וואס צו זאגן דארטן דעות, און דער חילוק פון א איד ביז א גוי איז קבוע אין תורת אמת און אין תורת חיים, וואס זיי האבן זיך מוסר נפש געווען אויף דערויף און האבן געבראכט די מסירת נפש מיט זיך אין ארה"ק, מוז מען זיי נאכפאלגן און מבטל זיין די אלע ענינים וואס זיינען ניט ע"פ תורה ומצוותי' בכלל,

און במיוחד דעם ענין פון "מיהו יהודי", אז א גוי זאל וויסן זיין אז ער איז א גוי, מען זאל אים ניט וועלן אפנארן און מזיק זיין, און אז א איד זאל זיך ניט שעמען זאגן דעם אמת אז ער ווייס אז א גוי איז א גוי און קען זיך מגייר זיין נאר ווי דער אויבערשטער האט אים אנגעוויזן, דערפאר וואס דאס איז אן ענין למעלה מדרך הטבע לגמרי: פון א גוי זאל ווערן א איד מוז דאס געטאן ווערן אין אן אופן למעלה מדרך הטבע, עאכו"כ אז דאס קען ניט געטאן ווערן דורך אן ענין של שקר און אן ענין של שטות, וכאמור לעיל, דאס איז אן ענין פון היפך השכל לגמרי מכל וכל.

און זיי האבן איצטער דעם זכות אז זייער ווארט זאל זיין דאס וואס וועט מכריח זיין די כף מאזנים אויף מבטל זיין די גזירה האיומה און די גזירה שאין בה כל ממשות און כל מציאות און זי איז אינגאנצן שקר מתחלתה ועד סופה - דער "חוק השבות" און דער חוק פון "מיהו יהודי": אז וויבאלד אז דער זיידע איז געווען א איד האט ער א חלק ר"ל אין ארץ ישראל,

אין ארה"ק, וואס אידן פארגיסן זייער בלוט אויף מגין זיין על הארץ, און מען וויל דאס ר"ל אפגעבן א גוי ניט קוקנדיק אויף די קרבנות וואס אידן האבן אויף דעם געבראכט און ברייננגען אויך איצטער, ועד"ז אויך דער פתח פתוח אז דער גוי וואס איז זיך מגייר כהלכה, גיט אים דער אויבערשטער אין א אופן למעלה מדרך הטבע א נשמה חדשה וואס דאס איז א אידישע נשמה מתחת כנפי השכינה, מיט די פרטים שבזה כמבואר אין זוהר, וואס אין כאן המקום להאריך בזה.

ו. און אז זיי וועלן טאן אין די ענינים, און דער עיקר, באווייזן א לעבעדיקן ביישפיל אז ניט נאר זיי שטייען אין דעם זעלבן מסירת נפש ווי זיי זיינען געשטאנען אין יענער מדינה, נאר די מסירת נפש זייערע קומט אראפ אין א מעשה בפועל: אז זיי לעבן דוקא צווישן אידן שומרי תורה ומצוה און זיי פירן חייהם היום-יומיים עפ"י השו"ע בכל הפרטים, און זיי שרעקן זיך ניט וואס כל התחלות קשות, און די ערשטע צייט איז שווער, איז א זיכערע זאך אז עס וועט זיין "ונתתי גשמיכם בעתם", ווי געֶרעדט פריער, און דאס וועט זיין זייער זכות נוסף אויף פארענדיקן אז דער אויבערשטער זאל פארברענגען די וווּנט פון דעם גלות כנוסח הידוע, און זאל זיין דער "ואולך אתכם קוממיות", די אידן פון ארץ ישראל זאלן פארגעסן אויף זייער אראפגעפאלנקייט פאר גויים, נאר זאלן שטיין "קוממיות" - "בקומה זקופה", ווארום דאס איז אן ענין של אמת: אידן שטייען "בקומה זקופה", ווארום זיי שטייען "לפני הוי' אלקיכם" אין אן אופן פון "נצבים", "נצבים ועומדים וקיימים כיום" וואס ער איז "מאיר לעולם",

און דעמולט וועט זיין אז דורך זייער לעבעדיקן ביישפיל מהם יראו וכן יעשו כמה וכמה מבני ובנות ישראל אין ארה"ק און אין חו"ל, אויף מוסיף זיין אין לימוד התורה וקיום מצותי' וזכות הרבים תלוי בהם.

און בנקודה העיקרית, אראפברייננגען משיח צדקנו, וואס דעמולט וועט זיין די גאולה האמיתית והשלימה, און מען וועט זען בגלוי אז אידן זיינען אט די "שתמליכוני עליכם הוי' אלקי ישראל מלך" און דורך דערויף ווערט אויך נמשך ווי דער רמב"ם איז מסיים בנוגע צו מלך המשיח אז ער פועל'ט אויף "אהפוך אל כל העמים כולם לעבדו כולם שכם אחד", ווי ער איז מסיים "ביום ההוא יהי' הוי' אחד ושמו אחד", ומתוך שמחה וטוב לבב, ובטוב הנראה והנגלה.

* * *

---

1) מועתק בזה הנדפס בספר הניגונים ח"ב (ע' יד) ע"ד הניגון:

מיוחס לכ"ק אדמו"ר הזקן, אבל אינו ברור אם הוא מהעשרה ניגונים הידועים שחיבר בעצמו.

המנגינה המתאימה להתיבות מלאה געגועים וכיסופי הנשמה. כ"ק אדמו"ר שליט"א מליובאוויטש מחבב מאד את הניגון הזה ומצוה לפעמים תכופות לשוררו בעת התוועדויותיו ביומא דפגרא, ומזמרים אותו בהתרכזות המחשבה והתעוררות הלב.

2) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשי"ד" ע' רפד-רפו; רצ-רצא.

3) ראה לקמן (בח"ב) בהנלקט ע"ד הניגון.

4) ראה לקמן (בח"ד) בהנלקט ע"ד הניגון.

5) השיחה נאמרה בש"פ קדושים, מבה"ח אייר.

6) ראה לקמן (בח"ד) בהנלקט ע"ד הניגון.

7) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשי"ז" ע' שו4-שו7.

8) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשכ"ג" ע' 350.

9) הבא להלן נעתק מ"הנחת הת' בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש- תשל"א" ח"ב ע' 497-502.

10) לאחר זמן נדפס ב"מאמרי אדמו"ר האמצעי - קונטרסים" (קה"ת, תנש"א) ע' רסג-עדר.

המאמר נאמר על ידי כ"ק אדמו"ר שליט"א בתוך ד"ה "וידבר אלקים את כל הדברים האלה" דש"פ יתרו, ח"י שבט תשכ"ד.

וראה הנסמן בסה"מ שם ע' ערה-רעו.

11) שאמר "בשבוע שקודם הסתלקותו".

12) וכן צ"ל ב"שיחות קודש - תשל"א" ח"ב ע' 498.

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 1

*י"ב [2] והיא[1] שעמדה לאבותינו ולנו, שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו,*
*אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו, והקב"ה מצילינו מידם.*
[*נוסח הגדה של פסח*]

כ"ק אדמו"ר שליט"א לימד ניגון זה בעת ההתוועדות דליל ב' דחג הפסח תשט"ו.

- * -

בהתוועדות[2] ההיא ציוה כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן את הניגון "והיא שעמדה", ולהיות שהמסובים לא ידעו את הניגון, ניגן כ"ק אדמו"ר שליט"א בעצמו כמה פעמים את הניגון, עד שהתלמדו אותו.

* * *

---

1) מועתק בזה הנדפס בספר הניגונים ח"ב (ע' יז) ע"ד הניגון:

ניגון המביע בתחלתו רגשי תוגה מלחץ ועוני הגלות, ובסופו צהלת שמחה ואומץ הלב בניצוח שונאי ישראל ומחרפי ה', ובטחון עוז בה' בקיום האומה הישראלית.

2) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשט"ו" ע' קצט.

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 1

*י"ג) [4] אסדר[1] לסעודתא, בצפרא דשבתא, ואזמין בה השתא, עתיקא קדישא.*
*נהורי' ישרי בה, בקידושא רבא, ובחמרא טבא, דבי' תחדי נפשא.*
*ישדר לן שופרי', ונחזי ביקרי', ויחזי לן סתרי', דאיתאמר בלחישא.*
*יגלה לן טעמי, דבתריסר נהמי, דאינון את בשמי', כפילא וקלישא.*
*צרורא דלעילא, דבי' חיי כולא, ויתרבי חילא, ותיסק עד רישא.*
*חדו חצדי חקלא, בדיבור ובקלא, ומלילו מלה, מתיקא כדובשא.*
*קדם רבון עלמין, במלין סתימין, תגלון פתגמין, ותימרון חידושא.*
*לעטר פתורא, ברזא יקירא, עמיקא וטמירא, ולאו מילתא אושא.*
*ואילין מליא, יהון לרקיעא, ותמן מאן שריא, הלא ההוא שמשא.*
*רבו יתיר יסגי, לעילא מן דרגי', ויסב בת זוגי', דהות פרישא.*
[*פיוט לסעודת שחרית דיום שבת קודש*]

כ"ק אדמו"ר שליט"א לימד ניגון זה בעת ההתוועדות דש"פ חוקת-בלק, י"ד תמוז תשט"ז.

**- א -**

בהתוועדות ההיא אמר[2]:

עס איז פאראן אין רבי'נס נ"ע הגהות אויפן סידור[3] - וואס דאס איז שוין געדרוקט - דעם טעם אויף דעם וואס מען זינגט ניט קיין זמירות שבת, ווייל מען האט גערעכנט אז מען וועט עס פארבייטן מיט אנדערע ענינים.

עכ"פ אין די זמירות פון שבת בייטאג, פון די סעודה השני', וואס דער אלטער רבי האט ארייינגעשטעלט אין סידור אין אסדר לסעודתא,

- אויף בני היכלא[4] איז פאראן ביי חסידים א ניגון מקובל פון דעם אלטן רבי'ן[5], אויף אזמר בשבחין איז פאראן א ניגון פון ר' הלל'ן, -

אויף אסדר לסעודתא איז פאראן א ניגון וואס מען זינגט אים אין ליטא און אוקריינא, דער ניגון איז א פאניע[6] און גייט ווי א מארש [וניגן כ"ק אדמו"ר שליט"א את הניגון כמה פעמים].

[באמצע הניגון סיפר:]

אמאל איז געקומען א איד צום ווילעדניקער צום שארית ישראל, און געבעטן א ברכה אויף א זון, האט דער ווילעדניקער אים געהייסן פארשפרייטן זיידינס אויפן חדר המטות, וועט ער האבן א זון.

בשעת דער איד איז אוועק, האבן אים די תלמידים געפרעגט, פון וואנעט נעמט ער אזא ענין אז זיידינס אין א סגולה צו א זון? האט זיי דער ווילעדניקער געענטפערט עס איז א בפירוש'ער אסדר לסעודתא: "ואלין מליא יהון לרקעיא", "מליא[7]" - מיינט זייד, "יהון לרקעיא" - אז מען וועט עס פארשפרייטן, איז "תמן מאן שריא" - ווער געפינט זיך דארטן, "הלא ההוא שמשא" - די זון (ער איז געווען א פוילישער).

[ואמר כ"ק אדמו"ר שליט"א:]

דא איז ניט דער קונץ דער טייטש, נאר דער קונץ איז אז ביי אים איז שפעטער געווען א זון.

[וחזר על זה כמה פעמים ואמר:]

מצד דעם חושך כפול ומכופל פארשטייט מען ניט וואס מען מיינט כל זמן מען טייטשט ניט אויס בפירוש.

* * *

---

1) מועתק בזה הנדפס בספר הניגונים ח"ב (ע' טז-יז) ע"ד הניגון:

אחד מהשלשה פיוטים שחיבר האריז"ל לג' סעודות שבת: אזמר בשבחין לסעודת ערבית, אסדר לסעודתא לסעודת שחרית, ובני היכלא לסעודה שלישית. האריז"ל סימן שמו בהאותיות הראשונים של החרוזים. בהפיוט

אסדר לסעודתא סימנו: אני יצחק לור(יא).

בסידור תורה אור מאדמו"ר הזקן לא נמצא רק אלו שלש זמירות מהאריז"ל. ובשערי תפלה מהרא"ד לאוואט רב מניקאלאיעוו - שנדפס עם הסידור - שער יח מביא שכתוב בפע"ח שער השבת פרק יז ובמשנת חסידים לאמרם בניגון כו'.

אמנם כפי המקובל אצל חסידי חב"ד - וכן המנהג בבית רבי נשיאי חב"ד - שאין אומרים שום זמירות בסעודות ש"ק רק לפרקים, ועפ"י רוב מנגנים ניגונים חסידיים המושרים בלי מלים.

הניגון המובא כאן מביא שמחת הנפש ועליצות הלב ויש בו מגוון שירי ילידי רוסיא הידועים בשם: "פאנ'קע".

- וראה לקמן הערה 6

2) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשט"ז" ע' ג-318-ד-318.

3) נדפסו בסידור עם דא"ח (קה"ת, תשכ"ה; תשמ"א) ע' שכא, א. ובכ"מ.

וזלה"ק: "ומכ"ק אאמו"ר זצוקללה"ה (בשם כ"ק אאזמו"ר זצוקללה"ה) שמעתי שאמר רבינו הגדול זצוקללה"ה שמה שלא העמיד בהסידור זמירות הוא שחשב שישירו בתוך הסעודה ושיר למעלה מזמרה ופ"א שמה שלא כו' הוא שחשב שידברו חסידות בתוך הסעודה".

4) ראה ספר הניגונים ח"א ע' מו.

5) ולהעיר מספר הניגונים (ח"א ע' מו): שיש אומרים שמחברו הי' הרה"ח ר' הלל מפאריטש.

6) ניגון שמחה המושר בהתרחבות הלב כטבע איש רוסי, שהיו נק' בשם לואי: "פאניע" או "פאנקע".
[ספר הניגונים ח"א ע' ס]

7) ראה ספר הערוך ערך מל (וואלע), שבארמית "מליא" משמעו מילים ומשמעו משי.

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 1

*י"ד) האדרת[1] והאמונה וכו' - במנגינת ה"מארסעליז".*

*האדרת והאמונה, לחי עולמים.*
*הבינה והברכה, לחי עולמים.*
*הגאוה והגדולה, לחי עולמים.*
*הדיעה והדיבור, לחי עולמים.*
*ההוד וההדר, לחי עולמים.*
*הועד והותיקות, לחי עולמים.*
*הזיו והזוהר, לחי עולמים.*
*החיל והחוסן, לחי עולמים.*
*הטכס והטוהר, לחי עולמים.*
*היחוד והיראה, לחי עולמים.*
*הכתר והכבוד, לחי עולמים.*
*הלקח והליבוב, לחי עולמים.*
*המלוכה והממשלה, לחי עולמים.*
*הנוי והנצח, לחי עולמים.*
*הסגוי והשגב, לחי עולמים.*
*העוז והענוה, לחי עולמים.*
*הפדות והפאר, לחי עולמים.*
*הצבי והצדק, לחי עולמים.*
*הקריאה והקדושה, לחי עולמים.*
*הרון והרוממות, לחי עולמים.*
*השיר והשבח, לחי עולמים.*
*התהלה והתפארת, לחי עולמים.*

[*נוסח דתפלת שחרית דשבת ויו"ט*]

כ"ק אדמו"ר שליט"א הואיל ללמד את הניגון "האדרת והאמונה וכו'" - במנגינת ה"מארסעליז", בעת הקפה הרביעית - דליל שמח"ת תשל"ד.

**- א -**

בהתוועדות דש"פ חו"ב, י"ב תמוז תשמ"ט אמר[2]:

בהתוועדות דחג הגאולה י"ב תמוז בד' אמותיו של בעל הגאולה נמצאת גם קבוצה של יהודים ממדינת צרפת, שנתקרבו לתומ"צ כפי שחדורים במאור שבתורה, תורת החסידות, כתוצאה מהחידוש של בעל גאולה בהפצת המעיינות חוצה.

ולכן, מהנכון לכבדם באמירת "לחיים", וניגון של שמחה - הניגון של מדינת צרפת כפי שנתהפך לקדושה[3], שמנגנים אותו על התיבות "האדרת והאמונה לחיי עולמים וכו'" עד "התהלה והתפארת לחי עולמים", שתוכנם של תיבות אלו מורה על ההמשכה והגילוי ד"חי עולמים" בכל עניני העולם, שנכללים בכ"ב אותיות מאל"ף ועד תי"ו ("האדרת והאמונה" עד "התהלה והתפארת") שבהם נברא העולם.

ויה"ר שעי"ז יתוסף אצלם (ביחד עם כל המתוועדים כאן, בתוככי כלל ישראל בכל מקום שהם) בכל הענינים האמורים, וימשיכו ויוסיפו עוד יותר בבואם למקומם, עד שיפעלו בכל העולם כולו הגילוי ד"האדרת והאמונה לחי עולמים" עד "התהלה והתפארת לחי עולמים".

*

בסיום (חלק זה ד)השיחה פנה כ"ק אדמו"ר שליט"א לקבוצת האורחים ממדינת צרפת, ואמר להם בשפת המדינה (צרפתית):

לכל האורחים שהגיעו ממדינת צרפת לחג הגאולה - "ברוכים הבאים".

מכבדים אתכם לנגן הניגון שלכם - "האדרת והאמונה לחי עולמים" עד "התהלה והתפארת לחי עולמים".

וכשתחזרו למקומכם - תפרסמו ה"מעסאזש" ש"האדרת והאמונה לחי עולמים" עד "התהלה והתפארת לחי עולמים".

וכל זה - מתוך שמחה וטוב לבב ומזל טוב, ודרך צלחה ומבורכת.

ואח"כ התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "האדרת והאמונה לחי עולמים".

* * *

**- ב -**

בהתוועדות דש"פ וישב, כ"ג כסלו, מבה"ח טבת תשנ"ב אמר[4]:

... א. ס'איז ידוע ומפורסם אז יעדע מדינה האט איר ניגון מיוחד, דער "ניגון המדינה" [ע"ד ווי דער דגל המיוחד של כל מדינה], וועלכע מ'זינגט אדער שפילט בא אן אסיפה אדער מאורע רשמי, אדער ווען די תושבי המדינה קלייבן זיך צוזאמען בא מאורעות מסויימים רשמיים, ועד"ז ווען באי-כח און פארשטייער פון דער מדינה פארן צו אנדערע מדינות, וכיו"ב.

ס'איז פארשטאנדיק, אז דער ניגון המדינה שטעלט מיט זיך פאר א דוגמא פון דער מדינה. ועאכו"כ ווען עס רעדט זיך וועגן דעם ניגון פון מדינת צרפת - כידוע, אז דער ניגון איז נתחבר געווארן בעת דער מהפכה[5].

ובפרט ע"פ פנימיות הענינים - איז דאך ידוע[6] אז יעדע מדינה (גדולה) האט איר שר למעלה, ויש לומר, אז דאס איז אויך פארבונדן מיט דעם ניגון המדינה, וועלכער איז אויסגעקליבען פון דער מדינה[7].

לפני כמה שנים[8] האבן חסידים אנגעהויבן זינגען דעם ניגון פון מדינת צרפת - דער ניגון של המהפכה - מיט די ווערטער "האדרת והאמונה לחי עולמים . . התהלה והתפארת לחי עולמים"[9].

א משך זמן קצר לאחרי זה - האט פאסירט א דבר פלא ביותר: מדינת צרפת האט געמאכט א שינוי אין דעם ניגון המדינה הנ"ל[10].

ובסיבת הדבר - זיינען אלטע חסידים מסביר, אז לאחרי וואס דער ניגון איז נתהפך געווארן לקדושה (כנ"ל), האט דאס דערהערט דער שר ומזל למעלה פון מדינת צרפת, און דאס האט גורם געווען למטה דעם שינוי אין דעם ניגון, מצד דעם רגש אז דאס איז געווארן א ניגון וואס באלאנגט בתחום הקדושה, א חסיד'ישער ניגון, וועלכע מ'זינגט בא חסיד'ישע פארברענגענישן, כולל אויך - ביי התוועדויות אין מדינת צרפת עצמה!

דערביי זעט מען בגלוי דעם שינוי להקצה וואס האט זיך אויפגעטאן בדורנו זה לגבי דעם דור פון דעם אלטן רבי'ן:

מען האט גענומען דער ניגון און אים מהפך געווען לקדושה - "האדרת והאמונה לחי עולמים", און מען זינגט אים (מיט די זעלבע תנועות) בא חסיד'ישע פארברענגענישן, בא וועלכע מ'רעדט דברי התעוררות בעניני תומ"צ און תורת החסידות.

ועד כדי כך, אז עס זיינען דא אזוינע וואס ווייסן גארניט אז דאס איז א ניגון גענומען פון "ערגעץ", נאר מיינען אז דאס איז א חסיד'ישער ניגון מעיקרא [אז מזמן לזמן ווערן נתחדש נייע חסיד'ישע ניגונים דורך די וועלכע זיינען מסוגלים צו מאכן א גוטן ניגון, און בשעת דאס ווערט נתקבל ע"י הציבור און מ'זינגט עס בציבור, ווערט עס א חלק פון חסיד'ישע ניגונים]!

ב. פארוואס דערמאנט מען וועגן דעם איצטער? ובפרט אז א חסיד קען דאך טענה'ן, אז אים האט מען אויפגעהאדעוועט אז כל ענינו איז - לימוד התורה, ער האט ניט קיין צייט פאר אנדערע זאכן, כולל אויך - מופתים, ביז אז זיי זיינען ביי אים גאר ניט אזוי תופס מקום[11].

איז ערשטנס - דארף זיין די הכרה והודאה לה' אויף די נסים וואס ער טוט.

ובפרט ווען מ'שטייט בסמיכות לימי החנוכה, וואס ענינם איז "פרסומי ניסא"[12] - איז אפילו את"ל אז בשאר ימי השנה דארף ניט זיין אזא הדגשה אויף פרסומי ניסא (כמדמוכח מזה

גופא אז דאס איז ענינו פון חנוכה ופורים וכיו"ב) - איז אבער בימי החנוכה, דארף זיין פרסומי ניסא, ויש לומר - אז דאס איז כולל ניט נאר דעם נס המלחמה והנס דחנוכה (פון פך השמן), נאר פרסומי ניסא אין אלע נסים וואס דער אויבערשטער טוט פאר אידן - "בימים ההם בזמן הזה".

*ועוד והוא העיקר*: די הכרה והודאה ונתינת שבח לה' אויף די נסים וואס ער טוט, איז נוסף אויף אן ענין של הכרת טובה - איז דאס נוגע צו *ביאת משיח צדקנו בגאולה האמיתית והשלימה*, ווי די גמרא זאגט[13]: "ביקש הקב"ה לעשות חזקי' משיח . . אמרה מדת הדין לפני הקב"ה . . חזקי' שעשית לו כל הנסים הללו (שניצל מסנחריב ונתרפא מחליו[14]) ולא אמר שירה לפניך תעשהו משיח".

עפ"ז איז מובן בענינו, אז פרסומי ניסא פון די נסים וואס דער אויבערשטער טוט בזמננו - איז נוגע צו ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה בפועל ממש!

ג. דערפון האט מען ארויס א הוראה עיקרית:

וויבאלד מ'האלט שוין נאך אלע ענינים, און די גאולה איז נאך ניט געקומען - איז א דבר נכון ביותר צו טאן אין דעם ענין פון "פרסומי ניסא", צו מפרסם זיין בא זיך און ביי אנדערע, ובכל מקום ומקום - די נסים וואס דער אויבערשטער טוט מיט אונז, וויסנדיק אז דערמיט איז פארבונדן די גאולה האמיתית והשלימה!

ועאכו"כ אין די ימי החנוכה, וואס ענינו איז "פרסומי ניסא" כנ"ל - דארף מען זען אויסנוצן די טעג, נוסף אויף די אלע פעולות ומבצעי חנוכה, אויך - אויף מאכן חסיד'ישע פארברענגענישן [אדער אנרופן דאס בלשון אחר, בכל מקום לפי ענינו, "אזלת לקרתא הלך בנימוסי'"], בכל יום פון די ימי החנוכה, און דארטן רעדן דברי תורה, נגלה דתורה און פנימיות התורה, און אננעמען החלטות טובות בכל עניני תומ"צ, ובאופן פון מוסיף והולך ואור (בהתאם צו די נרות חנוכה), ועוד ועיקר - רעדן וועגן פרסומי ניסא, די נסים "בימים ההם בזמן הזה".

ד. די ענינים הנ"ל בקשר מיט צרפת שטייען בהדגשה בא דער התוועדות, מצד דעם וואס עס געפינט זיך דא א קבוצה אידן פון צרפת וועלכע זיינען געקומען אויף דעם שבת דא אין דעם בית הכנסת ובית המדרש פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו ("770").

ובפרט אז די אידן זיינען זיך עוסק אין אויפבויען מוסדות חדשים אין צרפת און אין הדפסת ספרים חדשים, וכמדובר לעיל ווי דאס איז נוגע אין דעם בירור פון כל העולם. נוסף אויף דעם - וואס דאס גיט זיכער צו הצלחה אין אלע ענינים פון די מתעסקים בזה, בגשמיות וברוחניות, און גיט צו אין זייער פארבונד מיט תורה ומצוות, דורך דעם וואס זיי זיינען מוסיף בפשטות בקיום התורה והמצוות, כולל ובמיוחד - אין מצות הצדקה, וואס איז מקרבת את הגאולה[15], די גאולה פאר אידן בכל העולם כולו.

דעריבער איז מהנכון צו זיי מכבד זיין מיט זאגן "לחיים", און דערפון זאל נמשך ווערן א הוספה בחיים צו יעדערער פון זיי און צו אלע מסובים בתוך כלל ישראל.

ולהוסיף, אז דא געפינען זיך אויך אורחים פון מדינת קנדה, וועלכע האט אמאל געהאט א שייכות צו מדינת צרפת.

ה. ויהי רצון, אז דער בירור והפיכה פון צרפת - צוזאמען מיט שלימות עבודת הבירורים בכל העולם - זאל שוין ברענגען בפועל ממש דעם קיום היעוד "וגלות החל הזה לבני ישראל גו' עד צרפת גו' ירשו את ערי הנגב, ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו והיתה לה' המלוכה", בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, "*פרצת* עליך פרץ"[16], "זה משיח שנאמר[17] עלה הפורץ לפניהם"[18],

(און ווי מ'איז מסיים ברכת החודש בשבת זה:) "ונאמר אמן".

[האורחים שיחיו מצרפת אמרו "לחיים". וניגנו "האדרת והאמונה לחי עולמים". ובאמצע הניגון רמז כ"ק אדמו"ר שליט"א באצבעותיו הק' לשרוק[19]].

* * *

---

1) ראה חוברת "בית חיינו" תשנ"ב, מס' 106 ע' 16.

2) הבא להלן (וכן הערה 3 (והשוה"ג לזה)) נעתקו משיחה שהוגהה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א, נדפסה בספר השיחות תשמ"ט חלק ב' ע' 571.

3) להעיר, שבימים אלו מלאו מאתיים שנה למהפיכה הצרפתית (שמתוצאותי' חשש רבינו הזקן כו'), וגם ענין זה מהפכים לקדושה[א] - המהפיכה הצרפתית למעליותא - הפצת התורה והיהדות והפצת המעיינות חוצה במדינת צרפת, וכפי שמתבטא גם בהניגון של מדינת צרפת, ניגון של המהפיכה, שמהפכים אותו לקדושה - "האדרת והאמונה לחי עולמים" (ע"ד נפוליון'ס מארש[ב]. שנהגו בכו"כ קהלות בנ"י לנגן בסיומו וחותמו של היום הקדוש).

4) הבא להלן (וכן ההערות) נעתק משיחה שהוגהה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א, נדפסה בספר השיחות תשנ"ב חלק א' ע' 183-186.

5) ולהעיר שבשנה זו תתמלאינה מאתיים שנה לחיבור ניגון זה (בשנת תקנ"ב).

6) ראה ספר השיחות תורת שלום ע' 204: "כל מלך גדול, כמו מדינתינו ואנגליא וצרפת ואשכנז בודאי יש להם שרים כו'", ע"ש בארוכה. וראה גם אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' צה ואילך.

7) ראה גם יהל אור (ע' שעד) בנוגע לניגוני ישמעאל ואדום (ש"בישמעאל ניגונם הוא משל מרה שחורה ומזה מתענגים, ובאדום הוא להיפך ניגונים של חדוה") - שקשורים עם מהות אומות אלו.

8) בעת ההקפות דליל שמח"ת שנת תשל"ד.

9) ע"ד "נאפאליאן'ס מארש" - ראה ספר השיחות תש"ג ע' 118, שרבינו הזקן ביקש שיודיעוהו ניגון ה"מארש" שעמו עברו הצרפתים את גבולה של רוסי', וכשניגנו הניגון בפניו נענה ואמר שזהו ניגון של נצחון, וסיים - לאחרי משך זמן שהי' "שטארק פאר'דביקות" - סוף כל סוף יהי' *דידן נצח*!

10) כמה חדשים לאחרי שהתחילו לנגן "האדרת והאמונה כו'" בשנת תשל"ד - שינו את קצב הניגון ורככו את תנועותיו (מפני הכבוד), ע"פ הצעת מנהיגה של צרפת דאז. ובשנת תשמ"א שינה אותו מנהיגה החדש (הנוכחי) חזרה לקצבו הקודם. *המו"ל*.

11) וראה אג"ק אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' צד. סה"מ תש"ט ע' 43 (השני). שיחת ש"פ תבוא תשמ"ז.

12) שבת כא, ב ובפרש"י.

13) סנהדרין צד, א.

14) פרש"י שם.

15) ב"ב יו"ד, א. וראה תניא פל"ז (מח, ב). אגה"ק ס"י (קטז, א).

16) פרשתנו לח, כט.

17) מיכה ב, יג.

18) אגדת בראשית ספס"ג. וראה ב"ר ספס"ה ובפרש"י.

19) להעיר מהשייכות דשריקה לענין הגאולה וקיבוץ גליות (כמ"ש אשרקה להם ואקבצם - זכרי' י, ח. חולין סג, א. וראה סד"ה *וישב* העת"ר (המשך תער"ב ח"ב ע' תשפג). שיחת פורים תשל"ו), ולשמחה שלמעלה ממדידה והגבלה באופן של "פרצת" (אותיות "צרפת"). ולהעיר, שזהו גם ענינה של סעודה שלישית בשבת (ראה שבת קיח, א-ב, זח"ב פח, ב. וראה סידור (עם דא"ח) ר, א ואילך. ובכ"מ).

---

*א) ובהדגשה יתירה בשנה זו - שנת המאתיים להולדת הצמח-צדק, שני השמות של משיח צדקנו, שבביאתו יושלם בירור והפיכת אוה"ע, "אז אהפוך אל עמים גו' לעבדם שכם אחד".*

*ב) להעיר מסה"ש תש"ג ע' 118, שרבינו הזקן ביקש שיודיעוהו ניגון ה"מארש" שעמו עברו הצרפתים את גבולה של רוסי', וכשניגנו הניגון בפניו נענה ואמר שזהו ניגון של נצחון, וסיים - לאחרי משך זמן שהי' "שטארק פאר'דביקות" - סוף כל סוף יהי'* דידן נצח!

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 1

ב"ה.

*הקדמת המו"ל*

- להוצאה הראשונה -

בהמשך להוראת כ"ק אדמו"ר שליט"א (בשיחת יום ב' דחה"ש תנש"א) להו"ל קובצי חידושי תורה -

הנני מו"ל בזה "ליקוט ניגונים - שנתבארו ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א", חלק ב'[1] (מהדורא קמא[2]) הכולל:

ליקוט משיחות ומכתבי כ"ק אדמו"ר שליט"א שבהם הואיל לבאר כו"כ ניגונים, ונסדרו לפי סדר ה"א"ב" דהניגונים[3].

חלק זה כולל הביאורים להניגונים המתחילים באות "א".

* * *

*הערה חשובה ועיקרית:* שיחות אלו נעתקו מ"הנחות" ש(לע"ע) *לא הוגהו* ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א, ולכן *הן על אחריות המניחים ורושמים.*

* * *

ע"ד הנגינה החב"דית - ראה בה"מבוא", "לקוטי רשימות" שנדפסו בראש (ח"א וח"ג ד) "ספרי הניגונים - חב"ד. ועוד.

* * *

*כל האחריות דעריכת הליקוט וכו' היא על המו"ל בלבד.*

* * *

*ליקוט זה מוקדש לכ"ק אדמו"ר שליט"א נשיא דורנו. ויחזק השי"ת את בריאותו*
*וישלח לו רפואה שלימה וקרובה תיכף ומיד ממש בכל רמ"ח אבריו ושס"ה גידיו*
*הק', ויתן לו אריכות ימים ושנים טובות ונעימות מתוך בריאות הנכונה, ויראה*
*הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך*
*בריאות, הרחבה ונחת, ויוליכנו קוממיות לארצנו הקדושה בביאת משיח צדקנו*
*תיכף ומיד ממש*, ממש ממש[4].

יוסף יצחק בן הרה"ת ר' שניאור זלמן הלוי שי' שגלוב

ל"ג בעומר ה'תשנ"ב (*הי' תהא שנת נפלאות בכל*),
צדי"ק שנה להולדת כ"ק אדמו"ר שליט"א,
ברוקלין, נ.י.

---

1) ח"א - י"ל קה"ת, י"א ניסן, תשנ"ב.

2) ובקשתי רבה, שכל מי שנמצא באמתחתו איזו שיחות וכיו"ב ע"ד הניגונים - יתנם לי (ע"מ להחזיר) להדפיסם אי"ה במהדו"ב. וזכות הרבים תלוי' בו.

3) ובהערות נעתקו: הנדפס ע"ד הניגונים - ב"ספרי הניגונים - חב"ד" (ח"א - ברוקלין, תש"ט. (הוצאה שני' - שם, תשי"ז. הוצאה שלישית - כפר חב"ד, תשמ"ה). ח"ב - ברוקלין, תשח"י. (הוצאה שני' - כפר חב"ד, תשמ"ה (ביחד עם ח"א)). ח"ג - כפר חב"ד, תש"מ. (הוצאה שני' - שם תשמ"ה)).

4) ע"ד לשון כ"ק אדמו"ר שליט"א בסיום המאמר ד"ה ויהיו חיי שרה תנש"א (ספר המאמרים מלוקט ח"ה ע' ע).

- ולהעיר מסיום המאמר ד"ה אלה תולדות נח תנש"א (ספר המאמרים הנ"ל ע' נב).

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 2

א) *אום אני חומה. ברה כחמה. גולה וסורה. דמתה לתמר*[1].
[פיוט "הושענות" דיום ג' דחג הסוכות]

*אבער א מעלה - ווידער א מעלה, אום אני חומה.*
*אבער א מעלה - ווידער א מעלה, ברה כחמה.*
*חאטש חאטש חאטש, גולה וסורה.*
*דאך דאך דאך, דמתה לתמר*[2].

**- א -**

בהתוועדות דשמחת בית השואבה, מוצאי יום א' דחוהמ"ס תשי"א - אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א[3]:

א. סוכות קומען אידן און בעטן און מאנען ביי דעם אויבערשטן ער זאל משפיע זיין אין גשמיות און אין רוחניות, וואס דאס איז דער ענין פון זאגן הושענות.

די המשכה איז געווען בר"ה, ווי דער רבי טייטשט אפ אין מאמר פון ר"ה[4] דעם מאמר רז"ל "מזונותיו של אדם קצובים לו מר"ה", מזונותיו - לשון רבים, הן דער מזון גשמי און הן דער מזון רוחני, ווערט אלץ נקצב בר"ה. אבער די המשכה לפועל איז אין חג הסוכות.

דער טעם פון דעם איז, ווייל ר"ה איז דער זמן פון תשובה, יו"כ איז דער זמן פון וידוי, וואס דאס איז אן ענין פון בכי', וואס בכי' איז אן ענין פון עלי', דערפאר קען יעמאלט ניט זיין די המשכה בפועל.

אבער ווען עס קומט סוכות, דער "ליום חגינו", "זמן שמחתינו", וואס מיר זען אז שמחה פועל'ט התגלות, און וויבאלד אז יעדער זאך האט א שורש למעלה, איז דאך א ראי' אז אויך למעלה פועל'ט שמחה התגלות, ווייל שמחה פורץ גדר און איז מבטל אלע דינים, איז יעמאלט דער זמן ההמשכה בפועל, און דערפאר זאגט מען סוכות הושענות.

צווישן די מעלות פון אידן וואס מ'רעכנט אויס אין די הושענות פון דריטן טאג "מדת התפארת", וואס עס איז אנטקעגן מדתו של יעקב, "תתן אמת ליעקב חסד לאברהם", זאגט מען אויך אז אידן זיינען "אום אני חומה".

דער ענין פון א "חומה" בגשמיות איז וואס זי איז מקיף די שטאט, און די אויפגאבע פון דער "חומה" איז צוויי ענינים: א) זי לאזט ניט אריין אין שטאט דעם שונא. ב) זי פארצאמט די אנשי העיר, זיי זאלן ניט גיין אויסערן שטאט.

דער ענין פון א חומה ביי אידן - זאגן די חז"ל - איז "תורה", וואס "תורה" טוט אויך אויף די צוויי ענינים: א) זי לאזט ניט צו (צום מענטשן) דעם נפש הבהמית. ב) זי פארצאמט דעם גוף, אז אויך דער גוף (מצד עצמו) זאל ניט וועלן קיין עניני העולם.

ב. הגם אז די "חומה" פארצאמט די שטאט, פונדעסטוועגן דארף זי ניט זיין אינגאנצן סגור ומסוגר, נאר עס איז פאראנען א "שער החומה", וואס דורכן "שער" קען מען אריינגיין און ארויסגיין (סיידן בזמן המצור), נאר עס דארף זיין "שומרי החומה". וואס דער גאנצער סדר איז אויך אין די רוחניות'דיקע "חומה", וואס דאס איז "תורה".

אויף תורה שטייט "ושמרו דרך הוי'". תורה איז ניט קיין חכמה ושכל וואס מ'דארף זי מערניט ווי לערנען, נאר מ'דארף זיך אנהאלטן אין תורה. לערנען קען מען א שעה אדער צוויי אדער אפילו אכצן שעה און שפעטער זיין פריי, אבער "תורה" *איז ניט קיין "חכמה"*, נאר א "*וועג*" - "דרך הוי'". און אזוי ווי א "חומה" איז "מקיף" די גאנצע שטאט, אזוי נעמט ארום "תורה" דעם גאנצן מענטשן.

דער אויבערשטער איז "טבע הטוב להטיב". איז הגם אז ער גיט זיך אוועק אינגאנצן אין תורה און האט ניט קיין שייכות צו קיין אנדערע זאכן, וועט אבער דער אויבערשטער מטיב זיין אויך אין גשמיות. וואס דאס איז דער "שער החומה", אז מ'איז ניט אינגאנצן סגור ומסוגר.

און דאס איז דער ענין וואס מ'זאגט "אום אני חומה": אז דער אויבערשטער וועט געבן א שנה טובה אויך אין גשמיות בטוב הנראה והנגלה...

ג. ווייטער שטייט "אום אני חומה - ברה כחמה". דער דיוק "כחמה" דוקא: ווייל די לבנה האט געזאגט "א"א לשני מלכים להשתמש בכתר אחד". איז הגם אז עס איז טאקע געווען א גוטע טענה, וואס דערפאר האט דער אויבערשטער איר מפייס געווען, אבער דערפאר וואס זי איז געווען במורגש, האט זי געדארפט האבן א ירידה, און ערשט שפעטער די עלי'.

אזוי איז אויך אז תורה קען פועל'ן ישות, אז ער וועט טראכטן ביי זיך אז וויבאלד אז ער לערנט און אויף אים שטייט די וועלט, און ער איז דער בחיר הנבראים, איז וואס מ'וועט אים נאר ניט געבן, איז עס ניט מספיק פאר אים, איז הגם אז דאס איז א גערעכטע טענה טאקע, און ער טוט דאך א טובה דעם אויבערשטן מיט די פמליא של מעלה, מיט אלע עולמות מראש כל דרגין ביז עוה"ז הגשמי, ווייל על ידו איז די השפעה, אבער דאס איז א ענין פון ישות וואס דאס איז כענין הלבנה וואס זי איז ניט "ברה".

עס שטייט אז די זון איז רויט[5], ווייל זי וויל ניט ארויסגיין שיינען, ווייל ס'איז פאראנען אזוינע וואס דינען איר, וויל זי ניט אז דורך איר זאל ארויסקומען א ענין פון ע"ז[6], און זי וויל ניט שיינען, ביז מ'שמייסט איר זי זאל גיין שיינען. און דאס איז דער טעם פון איר רויטקייט[7].

און דאס איז דער פשט "ברה כחמה" וואס זי וויל ניט איר גדולה, און זי וויל ניט שיינען כדי עס זאל ניט ארויסקומען קיין ענין פון ע"ז, משא"כ די לבנה, הגם אז זי האט גע'טענה'ט א גערעכטע טענה, אבער זי איז ניט "ברה" - קלאר, ווייל זי איז געווען במורגש.

ד. וואס איז דאס נוגע לפועל, אזוי ווי דא איז פאראן תלמידי המתיבתות, איז הגם אז זיי מצד עצמם זיינען ניט באופן הנ"ל, אבער דאס וואס מ'טראגט זיי אויף די הענט, און מ'רעט אין ראדיא אז זיי האלטן אויף די וועלט, במילא קומט זיי מילך פלייש א. א. וו. און די תלמידים הערן אויך די ראדיא - צי פארן דאווענען צי נאכן דאווענען - ווייל זיי קענען ענגליש, וואס דאס קען פועל'ן ישות, זאגט מען אויף דעם אז עס דארף זיין "ברה כחמה".

און דאס איז אויך דער פשט פון "גולה וסורה דמתה לתמר". "גולה" מיינט אז מ'דארף זיין "גולה למקום תורה". "סורה" מיינט "דרכה של תורה": "פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה", אויך דער עצם לערנען דארף זיין ניט צוליב אפ פרעגן וכדומה, נאר ווייל תורה איז חכמתו ורצונו ית', יעמאלט וועט זיין "דמתה לתמר" [חסר כאן הביאור בענין "דמתה לתמר"].

און דאס איז וואס ער זאגט "אום אני חומה, ברה כחמה, גולה וסורה, דמתה לתמר":

ווען קען זיין די ריכטיקע "חומה", אז עס זאלן קענען ארייננקומען די אנשי השדה, און ניט נאר ער זאל זיין באווארנט פון זיי, נאר ער זאל קענען פועל'ן אויף זיי, ווען עס איז דא דער "ברה כחמה", ער לערנט תורה אן חשבונות פון כתרים.

"גולה וסורה", אז ער איז גולה למקום תורה, און פירט זיך בדרכה של תורה, יעמאלט איז די ריכטיקע תורה, און ער איז פון די נטורי קרתא, וואס אויף זיי שטייט די וועלט.

**- ב -**

בהתוועדות דיום ב' דחג הסוכות תשכ"ז - אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א[8]:

אין דעם דריטן טאג דחג הסוכות איז די הושענות "אום אני חומה", כאטש אז דער אלטער רבי זאגט אין סידור אז בשבת זאגט מען ניט קיינע הושענות, איז דאס בלויז בגשמיות הענינים, משא"כ ברוחניות הענינים טוט זיך אויף דער ענין בשלימות (און דערנאך איז מען דאס משלים), ובמילא זאל מען זינגען דעם ניגון וואס איז אויף "אום אני חומה".

[כשגמרו לגנן ניגון הנ"ל - אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א:]

בכדי צו באווארן די געמיטער, זיינען דא שו"ת ופוסקים וואס זאגן אז בשבת ויו"ט מעג מען קלאפן מיט די הענט כרגיל, און מען דארף ניט מאכן פארקערט - כלאחר יד, ווארום בעת הנגינה מעג מען טאנצן און קלאפן מיט די הענט וא"צ להפוך (והראה בידיו הקדושות).

---

1) מועתק בזה הנדפס בספר הניגונים ח"א (ע' ס) ע"ד הניגון:

ניגון ריקוד מושר עם החרוז "אום אני חומה", מתפלות "הושענות" שאומרים בימי חג הסוכות.

2) המלים - אינם מופיעים בספר הניגונים שם, ונעתקו מעטיפת תקליט "ניח"ח" מספר 8 (ברוקלין, תשל"ו).

3) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשי"א" ע' ג; ה-ו.

4) ראה סה"מ תשי"א ע' 34.

5) ראה שיחת ש"פ קרח תשמ"ה (התוועדויות תשמ"ה ח"ד ע' 2365).

6) ראה נדרים לט, ב. ובכ"מ.

7) להעיר מב"ב פד, א.

8) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשכ"ז" ח"א ע' 53.

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 2

ב) *אימתי קאתי מר*[1], *לכשיפוצו*[2] *מעינותיך חוצה*[3].
[מענת מלך המשיח למורינו הבעל שם טוב, בר"ה תק"ז[4]]

**- א -**

בהתוועדות[5] דיום שמח"ת תשי"ט - ציוה כ"ק אדמו"ר שליט"א לבני ארץ ישראל לנגן אחד מניגוני אה"ק תובב"א. וניגנו את הניגון "אימתי קאתי מר כו'". וכשגמרו לנגן - אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א להרה"ח הרה"ת וכו' ר' שמואל ע"ה זלמנוב:

ער זאל מאכן אין דעם ניגון א שינוי ש"אינו חוזר לברייתו", וועט ער אים קונה זיין, און אריין שטעלן אין ספר הניגונים.

*

בקשר[6] לזה - אמר הרה"ח הרה"ת וכו' ר' שניאור זלמן הלוי ע"ה דוכמאן לכ"ק אדמו"ר שליט"א, שהרה"ת ר' ארי' ליב הלוי שי' פראגער הביא את הניגון מירושלים. ואמר לו כ"ק אדמו"ר שליט"א:

ס'איז ניט קיין וואונדער, ער איז דאך פון אייער שבט.

**- ב -**

במכתב דיום א' סיון תש"כ - כותב כ"ק אדמו"ר שליט"א[7]:

במענה למכתבו מיום החמישי, בו שואל אודות ניגון [אימתי] קאתי מר. ושואל על מקורו של הניגון.

והנה כפי הידוע לי, הניגון הוא ניגון ירושלמי, ואין ברור מי הוא מחברו, ולפני איזה שנים[8] הרי כמה מהחרדים התחילו לנגנו בתיבות האמורות, מפני ההרגש שפעם בהם ניגון האמור, אבל פשוט שאין זה בדוקא, ואם יבוא מי שהוא מנגן ירא שמים בעל רגש וימציא ניגון יותר מתאים להתעוררות הנפש והתבוננו[ת] בהענין דלכשיפוצו קאתי מר, ברשות כל אחד לקבל דעתו בזה.

באם שאלתו לגוף הענין דלכשיפוצו מעינותיך חוצה קאתי מר, הרי הם דבריו של מלכא משיחא בעצמו מענה להבעש"ט בהיותו בהיכלו למעלה וכהודעת הבעש"ט באגה"ק שלו שנדפס בספרו של א' מגדולי תלמידיו, בן פורת יוסף הר"י מפולנאה, ואין לך הוראה ברורה מזה.

---

1) ראה סנהדרין צח, א.

2) ע"פ לשון הכתוב - משלי ה, טז.

3) מועתק בזה הנדפס בספר הניגונים ח"ג (ע' סד) ע"ד הניגון:

מנגינה ידועה שהותאמה ומושרת עם המלים אימתי קאתי מר לכשיפוצו מעינותיך חוצה (שאלת הבעש"ט ז"ל למלך המשיח ותשובת מלך המשיח להבעש"ט ז"ל בעת עליית נשמת הבעש"ט בהיכל המשיח בשנת תק"ז - כמובא במכתבו הידוע לגיסו נדפס בסו"ס בן פורת יוסף). ניגון זה מושר תכופות בעת ההתוועדויות ובזמני שמחה.

4) בעת עליית נשמת הבעש"ט להיכל המשיח - ראה הערה הקודמת.

5) הבא להלן - נעתק מספר "שיחות קודש - תשי"ט" ע' מז-מח.

6) הבא להלן - נעתק מרשימת הרה"ת ר' ארי' ליב הלוי שי' פראגער.

ושם: שהוא שמע את הניגון (בלי התיבות) בירושלים בשנת תשי"א בערך, בעת ששרו אותו ברבים, ואז העיר ע"ז הרה"ח וכו' ר' ברוך שי' כהנא, ששמע מאביו (האדמו"ר מספינקא - ירושלים זצ"ל), שהוא זוכר את הניגון (בלי התיבות) כשלשים שנה מקודם.

7) אגרות קודש חי"ט ע' שכג.

8) באלול תשח"י - בחתונת אחד מהתמימים שי' בישיבת "תורת אמת" דירושלים עיה"ק תובב"א. *המו"ל*.

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 2

*ג) אין אדיר כה'.*
*אין ברוך כבן עמרם.*
*אין גדולה כתורה.*
*אין דורשי' כישראל.*
מפי א-ל. מפי א-ל. יבורך ישראל.

*אין הדור כה'.*
*אין ותיק כבן עמרם.*
*אין זכי' כתורה.*
*אין חכמי' כישראל.*
מפי א-ל. מפי א-ל. יבורך ישראל.

*אין טהור כה'.*
*אין ישר כבן עמרם.*
*אין כבוד כתורה.*
*אין לומדי' כישראל.*
מפי א-ל. מפי א-ל. יבורך ישראל.

*אין מלך כה'.*
*אין נביא כבן עמרם.*
*אין סגולה כתורה.*
*אין עוסקי' כישראל.*
מפי א-ל. מפי א-ל. יבורך ישראל.

*אין פודה כה'.*
*אין צדיק כבן עמרם.*
*אין קדושה כתורה.*
*אין רוממי' כישראל.*
מפי א-ל. מפי א-ל. יבורך ישראל.

*אין קדוש כה'.*
*אין רחום כבן עמרם.*
*אין שמירה כתורה.*
*אין תומכי' כישראל.*
מפי א-ל. מפי א-ל. יבורך ישראל.

[מ"סדר הקפות" לשמח"ת - לפי מנהג הספרדים[1]]

נלמד ע"פ הוראת כ"ק אדמו"ר שליט"א (ע"י אחד מהאורחים שבא ממרוקו) בעת ההתוועדות דש"פ בראשית (התוועדות ב') תשי"ז[2].

**- א -**

בהתוועדות דיום ב' דחג השבועות תשכ"ד - אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א[3]:

א. אזוי ווי קבלת התורה דארף דאך זיין בשמחה ובפנימיות, וועט מען אנהייבן מיט א פריילעכן ניגון, און בהחלטה אויף ממשיך זיין די ענינים אין א פנימיות.

ב. אין די ביכלאך וואס נפדו לאחרונה מהשבי', איז דא א מאמר - דער מאמר אליין איז דא געדרוקט אויך אין תו"א בפ' בשלח ד"ה "ויאמר משה אכלוהו היום". אין תו"א איז אבער דער מאמר אליין, און אין דעם ביכל איז דא אויך א ביאור אויפן מאמר - וואו עס רעדט זיך דער ביאור שייכות ה"מן" למ"ת, און אין דעם מאמר איז ער מבאר אז ענין התורה איז די ס' רבוא אותיות התורה. ווייל אותיות איז ענינם המשכה והעלאה, און אויך אין תורה זיינען דא די ביידע ענינים דהמשכה והעלאה, כמבואר שם באריכות.

[וואס לאחרי כל הביאור, איז נאך אלץ ניט מובן וואס מען זאגט אז ענין התורה איז די אותיות, ווארום דאס איז דאך נאר א ביאור לענין ההמשכה וההעלאה דתורה, ולא לענין התורה עצמה. און דער ביאור אין דעם, איז אין כאן מקומו].

ג. בנוגע לענינו: אזוי ווי ס'איז פאראן א פריילעכער ניגון וועגן דעם אויבערשטן, משה רבינו און תורה - וואס דאס האט דאך א שייכות למ"ת - און דער ניגון איז אויך מסודר לויט די אותיות פון אל"ף בי"ת, זאל מען זאגן דעם ניגון, און דאס וועט זיין אן הקדמה צום ענין וואס מען וועט ריידן ווייטער - אלס השתתפות בהכינוס תורה.

[ניגנו את הניגון "אין אדיר כו'"].

---

1) נעתק מ"מחזור לסוכות" (נוסח ספרד). והוא נוסח הרב המגיד מקאזניץ זצ"ל.

2) מרשימת הרה"ח הרה"ת וכו' ר' רפאל נחמן ע"ה כהן, נדפסה ב"בטאון חב"ד" חי"ג ע' לז.

3) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשכ"ד" ע' 394.

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 2

ד) *אלו ואלו אומרים אשרי מי שלא חטא, ומי שחטא ישוב וימחול לו*[1].
[סוכה נג, א]

**- א -**

בהתוועדות דיום שמח"ת תשט"ז - אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א[2]:

דערמיט[3] וועט מען אויך פארשטייען דעם סדר פון שמחת בית השואבה (וועלכע איז געווען א שמחה גדולה ביותר (פאר יחידי סגולה עכ"פ), כמארז"ל "מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו"):

די גמרא זאגט דער סדר וואס עס פלעגן זינגען "חסידים דמעיקרא"[4], וואס עס פלעגן זינגען "בעלי תשובה", און צום סוף שטייט "אלו ואלו (די "בעלי תשובה" מיט די "חסידים דמעיקרא") אומרים אשרי מי שלא חטא", און אויב "חטא - ישוב" - זאל ער לכל הפחות איצטער תשובה טאן, "וימחול לו".

ולכאורה, איז דא ניט פארשטאנדיק כמה ענינים:

א) ווי קומט עס אז אין א זמן פון שמחה גדולה ביותר רופט מען אויס א הכרזה אז: "ומי שחטא ישוב"?

יעדער זאך האט דאך זיין זמן, האט מען ניט געפונען קיין אנדער צייט צו מכריז זיין מען זאל תשובה טאן, נאר די צייט פון שמחת בית השואבה - א זמן פון שמחה גדולה ביותר?!

ב) די צייט פון שמחת בית השואבה - גייט באלד נאך ר"ה ויו"כ, וואס יו"כ איז דער אויבערשטער מכפר אלע אידן אויף אלע עבירות,

און פון יו"כ ביז סוכות האט מען ווייטער ניט געזינדיקט [ווארום מען איז פארנומען אין די ד' מינים והכנות לסוכות, כמארז"ל ע"פ "ולקחתם לכם ביום הראשון" - "ראשון לחשבון עונות"].

ופשיטא אז סוכות אליין האט מען אודאי ניט געזינדיקט, ווארום ווען איז נאך דא אזא שעת הכושר צו מקיים זיין דעם "בכל דרכיך דעהו" אזוי ווי דער זמן פון סוכות! ווארום סוכות - איז וואס נאר ער טוט, ער עסט ער שלאפט ושאר צרכיו (איז אפילו אויב ער האט אין דעם ניט קיינע כוונות), איז דאס אליין וואס ער טוט עס אין א סוכה איז ער מקיים א מצוה, וואס דאס (מצות סוכה) איז א מצוה גדולה (אע"פ אז דאס ווערט אנגערופן בשם "מצוה קלה"),

היינט נאך דעם וואס יו"כ זיינען נתכפר געווארן אלע עבירות, און פון יו"כ אן איז מען געווען כסדר פארנומען מיט מצות, איז ווי קומט עס אז בשעת שמחת בית השואבה איז מען מכריז אז "מי שחטא ישוב"?

ג) פון לשון הגמרא, "אלו ואלו אומרים", איז משמע אז די הכרזה וועגן תשובה איז שייך צו די "בעלי תשובה" מיט די "חסידים דמעיקרא". איז דאך ניט פארשטאנדיק: וואס זאגט מען זיי אן אז זיי זאלן תשובה טאן, וויבאלד אז תורה אליין רופט זיי אן "בעלי תשובה", הייינט וואס דארפן זיי ווייטער תשובה טאן?

וביותר יוקשה: וואס איז דער ענין התשובה ביי צדיקים גמורים ("חסידים דמעיקרא")?

ג. וועט מען עס פארשטייען על פי המבואר בתניא (פכ"ט) בענין "וחטאתי נגדי תמיד", וואס דאס האט געזאגט דוד המלך, הגם אז "ולבי חלל בקרבי" - "שאין לו יצר הרע", איז וואס פאר א שייכות האט ער צו א חטא?

איז מבואר אין תניא: אז מצד דעם ענין פון "עליות" - וואס ער איז עולה אין א העכערן עולם, איז לגבי דעם העכערן עולם, איז ניט מספיק די תשובה הקודמת.

און אזוי אויך בא דוד'ן. וויבאלד אז דוד איז געווען א מרכבה צו ספירת המלכות, וואס אויף מלכות שטייט "נהורא תתאה קארי תדיר ולא שכיך", איז מצד די שטענדיקע עליות האט ער געזאגט "וחטאתי נגדי תמיד".

ועד"ז איז בשעת עס קומט דער גילוי פון סוכות, ובפרט פון שמחת בית השואבה, כאפט מען זיך אז די תשובה הקודמת דיו"כ, און אפילו פון די ד' ימים שבין יו"כ לסוכות (וואס ס'איז דאך העכער פון די תשובה דיו"כ), איז ניט מספיק לגבי די תשובה וואס עס פאדערט זיך בסוכות בכלל ובשמחת בית השואבה בפרט.

ווארום אויף שמחת בית השואבה שטייט "ושאבתם מים בששון", ופירש כ"ק אדמו"ר הצ"צ[5] אז יעמולט איז מאיר בגילוי מזל "נוצר", און מזל "ונקה", וועלכע זיינען העכער פון השתלשלות, ביז אז אפילו ספירת החכמה ובינה דארף מען נעמען פון דארטן דורך פארשידענע "קונצן", איז מצד דעם גילוי פון למעלה מהשתלשלות, איז ניט מספיק די תשובה הקודמת, און מען דארף גאר ערשט תשובה טאן.

ועפ"ז וועט מען אויך פארשטייען ווי דער ענין התשובה איז שייך אויך צו די צדיקים גמורים ("חסידים דמעיקרא"), ווארום הגם אז "לא עבר עבירה מימיו" (כמ"ש בתניא (פי"ב) אפילו בנוגע לבינוני), און ער איז במדריגת צדיק גמור, אבער פונדעסטוועגן, סוף כל סוף איז דאך "מאן דמחוי במחוג קדם מלכא", ווארום דאס אליין וואס ער איז מרגיש אז ער איז עובד את הוי', איז דאס "לחטא יחשב" לגבי די מדריגה שלמעלה מהשתלשלות שבשמחת בית השואבה, נאר ער דארף שטייען בביטול עצמי. דערפאר איז אפילו צדיקים גמורים ("חסידים דמעיקרא") זאגען אויך "ומי שחטא ישוב".

ועל פי זה וועט מען אויך פארשטייען ווי קומט עס אז דוקא אין א זמן פון א שמחה גדולה ביותר איז מען מכריז וועגן "ומי שחטא ישוב", ווארום לבד זאת אז דוקא יעמולט כאפט מען זיך אז מען דארף ערשט תשובה טאן כנ"ל, איז יעמולט אויך גרינגער צו תשובה טאן, ווארום מצד דעם עוצם הגילוי איז דאס א סיוע לתשובה.

ועל דרך ווי איך האב שוין אמאל דערציילט, אז איך האב געפרעגט ביי כ"ק מו"ח אדמו"ר דעם טעם אויף דעם פארוואס מנהג חסידי חב"ד איז אז ביום היארצייט זאגט מען תחנון? האט מיר דער רבי געענטפערט: "ווען איז נאך דא א בעסערע צייט צו אויסבעטן".

און דערפאר איז בשעת שמחת בית השואבה איז "אלו ואלו אומרים" אז "אשרי מי שלא חטא", אבער דער וואס "חטא - ישוב", אז ער זאל לכל הפחות איצטער תשובה טאן, ווארום בשעת אז עס קומט שמחת בית השואבה, כאפן זיך אלע צוזאמען (סיי די "בעלי תשובה", סיי די "צדיקים גמורים"), אז נאך אלע זייערע עילויים האלטן זיי ערשט ביי דעם "ומי שחטא", און דורך תשובה איז "וימחול לו" - אז עס וועט אינגאנצן אפגעווישט ווערן דער חטא, כמ"ש באגה"ת.

און נאכמער - אז ס'איז נאך פאראן א מעלה אויף צדיקים גמורים, כמרז"ל במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד. און דורך דעם וואס אויך צדיקים טוען תשובה, איז דאס נאך א העכערע מעלה. וואס דאס וועט זיין דער גילוי פון משיח'ן, ד"משיח אתא לאתבא צדיקייא בתיובתא". וואס דער גילוי פון שמחת בית השואבה האט א שייכות צום גילוי פון משיח'ן, כפתגם כ"ק אדמו"ר הצ"צ בענין שמחת בית השואבה: "מען האט געשעפט און געשעפט ביז משיח'ן".

**- ב -**

בהתוועדות דשמחת בית השואבה, מוצאי יום א' דחול המועד סוכות תשכ"א - אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א[6]:

א. די גמרא[7] דערציילט, אז אין די שירות ותשבחות וואס מ'האט געלויבט דעם אויבערשטן ביי שמחת בית השואבה - האט מען אלץ דערמאנט דעם ענין פון תשובה, נאר וואס דען - די תשובה אין אלע אופנים.

וז"ל הגמרא: "חסידים ואנשי מעשה כו'. ת"ר יש מהן אומרים אשרי ילדותינו שלא ביישה את זקנותינו (שלא עברנו עבירה בילדותינו לבייש את זקנותינו. רש"י), אלו חסידים (כל חסיד הוי חסיד מעיקרו. רש"י) ואנשי מעשה, ויש מהן אומרים אשרי זקנותינו שכפרה את ילדותינו, אלו בעלי תשובה, אלו ואלו אומרים אשרי מי שלא חטא ומי שחטא ישוב וימחול לו".

ב. לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: וויבאלד אז שמחת בית השואבה איז שוין כמה ימים לאחרי יוהכ"פ,

וכידוע דער טייטש פון ר' לוי יצחק בארדיטשעווער אויף מאחז"ל אז ט"ו תשרי איז "ראשון

לחשבון עוונות", אז ביז דעמולט איז גאר ניטא קיינע עוונות, דערפאר וואס יוהכ"פ האט אראפגענומען כל העוונות של שנה שעברה, און בין יום הכפורים און סוכות איז מען פארנומען מיט דער סוכה און די ד' מינים, איז ווען הויבט זיך אן דער "יום ראשון לחשבון עוונות" - איז דאס ערשט בחמשה עשר בתשרי,

איז פארוואס הויבט מען אן "אשרי ילדותינו שלא ביישה את זקנותינו": ניט אז ער דערמאנט אז ער האט געהאט א גוטע "ילדות" און א גוטע "זקנה" - בסגנון חיובי; נאר דער נוסח השיר והתשבחות איז אלץ בסגנון של שלילה, אז ער האט ניט געהאט קיינע עבירות, וואס דאס איז דער לשון פון "אשרי ילדותינו כו'"; אדער אז ער האט געהאט אן עבירה און געטאן תשובה, וואס דאס איז "אשרי זקנותינו שכפרה את ילדותינו"; אדער אז "אשרי מי שלא חטא", אז ער האט ניט קיינע עבירות, "ומי שחטא ישוב וימחול לו".

וואס לכאורה, אפילו אז עס זאל זיין די שירות ותשבחות בסגנון זה - האט דאך דאס געדארפט שטייען אין א נוסח *חיובי*, אין א נוסח פון "עשה טוב", אז "אשרי ילדותינו" וואס איז געווען פול מיט מעשים טובים, פונקט אזוי ווי די "זקנה", ועד"ז אין די בעלי תשובה אז "אשרי זקנותינו" וואס זי האט געהאט אזויפיל מעשים טובים וואס האט אראפגעווישט די "ילדות", ועד"ז זאל דערנאך שטייען אז "אשרי מי שיש בידו מעשים טובים", און דער וואס האט ניט איז "ישוב וימחול לו".

ג. די שאלה ווערט נאך שטארקער - ע"פ הידוע אז דער *העדר* פון מעשים טובים - דאס גופא איז דאך שוין אן עבירה. וכידוע דער טייטשט פון דעם בעש"ט, אז אויב נאר "וסרתם" - איז דאס גופא שוין "ועבדתם אלקים אחרים".

והביאור בזה:

שוין גערעדט אמאל בארוכה, אז אע"פ אז איידער א איד גייט-צו צו וועלט, איז אין וועלט דא דריי סוגים: דער סוג הקדושה והמצוה, וואס האט א שייכות *חיובית* צו אים, און דער סוג הלעו"ז, דער סוג וואס ער איז אסור וטמא, וואס דאס האט צו אים קיין שייכות ניט, און באמצע - דער סוג הרשות, וואס אין דערויף גייט אוועק זיין בחירה מיט זיין עבודה,

איז דאס אבער נאר *איידער* א איד גייט-צו צו וועלט;

בשעת אבער ער גייט-צו צו אן ענין אין וועלט - איז ווערט דאס אויס סוג שלישי. ווארום ס'איז *איינס* פון די ביידע: אדער ער *דארף* דאס טאן, מצד א מצוה, אדער אין דעם אופן פון "בכל דרכיך דעהו", אדער - ער טאר דאס ניט טאן, דערפאר וואס דאס איז מותרות (צי קליפת נוגה, צי ג' קליפות הטמאות לגמרי, אבער בכל אופן - דאס האט צו אים קיין שייכות ניט).

דאס הייסט, אז ווען עס קומט צו א אידן, איז דאס אדער "לב חכם לימינו" אדער "לב כסיל לשמאלו" - ס'איז ניטא קיין דריטער סוג; דאס איז דא בעולם נאר *איידער* א איד הויבט אן ארבעטן אין וועלט און מאכן פון דער וועלט אט דאס וואס וועלט דארף זיין.

וואס לפי זה איז נאך מער פארשטאנדיק, אז פון די שני סגנונים, אדער דעם סגנון השלילי, ווי די גמרא ברענגט אראפ, אדער דער סגנון החיובי - וואלט געווען בעסער דער סגנון אין אן אופן חיובי, אין דעם אופן טוב, אז "אשרי" אט דער וואס האט מעשים טובים, ער האט ניט דעם ענין פון "וסרתם", במילא איז בדרך ממילא ביי אים ניטא דער ענין פון "ועבדתם אלקים אחרים".

וביחוד אז מען זאגט דאס דוקא אין זמן שמחתנו, און אין זמן שמחתנו גופא - ווען ס'איז נאך דא די שמחה נוספת, די שמחה גדולה פון שמחת בית השואבה?!

ד. וע"פ האמור לעיל[8] איז דאס מובן:

מ'האט דאך גערעדט[8] די מעלה פון תשובה, אז דוקא תשובה דערגרייכט אין "לפני הוי' תטהרו", וואס דאס איז נאך העכער ווי *סתם* תורה ומצוות, וואס דערפאר איז אויב ביי אים פעלט אין לימוד התורה אדער אין קיום המצוות, איז דערנאך אז ער טוט תשובה, זאגט מען אז "נעשה מרוצה כפי שהי' קודם החטא", און נאך מערער ווי קודם החטא, ביז וואנענט אז "זדונות נעשו לו כזכיות". קומט דאך אויס, אז אפילו בשעת ער האט עובר געווען אויף תורה ושאר המצוות, האט תשובה אין זיך אט דעם כח אז דאס איז ממלא כל החסרונות וכל הגרעונות.

אין וואס דריקט זיך אויס די תנועה פון תשובה?

איז דאס ניט אזוי אין דעם מרוצה אל *הטוב*, נאר אין דעם אוועקלויפן פון דעם ענין וואס ער איז *בלתי רצוי*.

און ווי מ'זעט דאס אויך בטבע בני אדם, אז ווי שטארק עס זאל ביי אים ניט זיין די ריצה (דער לויפן) נאך א זאך אין וועלכע ער האט א געשמאק, איז נאך שטארקער ביי אים - דער אנטלויפן פון אן ענין וואס ער פילט אז דאס איז פאר אים א סכנה.

וואס אזוי איז אויך אין עבודה רוחנית של האדם, אז בשעת ער דערפילט די מרירות פון דעם "רע ומר עזבך את הוי' אלקיך"[9] - איז אט דאס ערוועקט ביי אים א טיפערן ארט אין נפש, ווי אט דאס ווען ער איז זיך מתבונן אין דעם טוב וואס איז דא אין תורה ומצוות.

ה. ויש להוסיף, אז דער "רע ומר עזבך את הוי' אלקיך" איז - "לאו ברשיעי עסקינן", אויף אנטלויפן דוקא פון אן ענין וואס דאס איז היפך התורה והמצוה, נאר אט דער אנטלויפן איז פון דעם "בירא עמיקתא" אין וועלכע די נשמה געפינט זיך ווען זי איז פארבונדן מיטן גוף - איז אט דאס אליין איז גענוג אויף צו ערוועקן די מרוצה היותר גדולה וחזקה.

ובפרט נאך אז ער איז זיך מתבונן, וואס די התבוננות איז דאך דא אפילו ביי א צדיק גמור, ווי דער רבי זאגט אין תניא (פל"ז), אז אפילו ער וועט זיין א צדיק גמור "עובד הוי' ביראה ואהבה רבה בתענוגים", קען ער ניט דערגרייכן צו דער דרגא אין וועלכע די נשמה איז געשטאנען קודם ירידתה למטה, ווארום ער איז דאך פארט א "יש", און וויבאלד אז ער איז "יש" - איז דאך דאס ניט דער אויבערשטער.

און למעלה זיינען דאך די נשמות "חצובות מתחת כסא הכבוד", און נאך העכער, ביז וואנענט די נשמה איז א "חלק אלוקה ממעל ממש".

וואס בשעת ער איז זיך מתבונן אין דער תנועה פון *ניט*-אלקות, אדער ניט אזוי ווי ער איז געשטאנען בקירוב וביטול לאלקות קודם ירידתו למטה - איז דאס פאדערט ארויס מער אין פנימיות הנפש, ווי עס פאדערט זיך אין נפש דערנאך דער *תשוקה* צו דעם דבר הטוב.

וואס דערפאר זאגט ער אין תניא (פ"ז), אז פארוואס ביי בעלי תשובה איז "זדונות נעשו לו כזכיות", ווארום וויבאלד אז ער איז *געקומען דערצו* (לתשובה) דורך דערויף וואס ער איז געווען "בארץ צי' ועיף", וואס דאס האט ביי אים ארויסגערופן א *צמאון*, וואס איז ניט שייך ביי אן אנדער אופן, סיידן אט דער וואס איז געווען "במדבר יהודה", דעריבער איז די "זדונות" גופא "נעשו לו כזכיות" - "הואיל *ועל ידי זה* בא לאהבה רבה זו" (תניא שם).

וכידוע דער ווארט פון דעם אלטן רבי'ן, בשם פון בעש"ט, אויף "כן בקודש חזיתיך"[10], אז "*הלואי* - בקודש חזיתיך" מיט דעם זעלבן צמאון ווי עס איז געווען דער "צמאה לך נפשי כמה לך בשרי" ווען ער איז געווען "במדבר יהודה", וואס דעמולט איז "גרשוני היום מהסתפח בנחלת הוי'", כאטש אפילו ער איז געווען אן אנוס בזה.

וואס עד"ז איז דאך אויך די כללות ירידת הנשמה למטה - כמאמר המשנה (אבות ספ"ד) "בעל-כרחך אתה חי", ער איז דאך "גרשוני היום מהסתפח בנחלת הוי'" -

איז דוקא אט דא קען זיין דער "צמאה לך נפשי כמה לך בשרי", וואס *הלואי* זאל דאס אזוי זיין דערנאך "בקודש - חזיתיך".

[און ווען מ'פועל'ט אויף דעם מילוי הבקשה פון "כן בקודש חזיתיך" - איז מיט וואס פועל'ט מען דאס אויף? מצד דערויף וואס מען איז אויף דעם מתפלל "בהיותו במדבר יהודה"].

ו. עפי"ז וועט מען פארשטייען דער נוסח השירות ותשבחות בשמחת בית השואבה:

בשעת מ'דארף האבן א שמחה גדולה ביותר, וואס זי זאל פורץ זיין כל הגדרים, און זי זאל קענען אראפברענגען שמחה *אין* אט דער וועלט, וואס זי איז דאך א מוגבל, ולא עוד אלא ש"הרשעים גוברים בו", ווי ער איז מאריך אין תניא (פ"ו), פון ע"ח -

איז דאך דאס לכאורה א וועלט וועלכער איז א היפך לגמרי פון דעם גאנצן ענין השמחה!... שטעלט זיך גלייך די שאלה: ווי קומט שמחה אהערצו?!

- וואס טאקע דערפאר זאגט מען, אז לולי שמחת ביה"ש איז "לא ראה שמחה מימיו": עס

קען ניט זיין דער ענין השמחה אין וועלט, בשעת דער *עצם מציאות* פון וועלט איז דאס היפך השמחה.

ווי אזוי קען מען יא ממשיך זיין שמחה אין וועלט?

איז דאס דוקא אויב פריער איז דא די שמחה פון שמחת בית השואבה, איז אט דעמולט קען ער אויך זען א שמחה אין די אנדערע ענינים.

וואס טוט אויף שמחת ביה"ש - אז דורך איר זאל מען קענען "זעהן" שמחה אין וועלט?! - גיט זיך דאס ארויס אין דעם נוסח התשבחות הנ"ל פון שמחת בית השואבה:

שמחת בית השואבה טוט אויף דער "אשרי ילדותינו שלא ביישה את זקנותינו", אז אמת טאקע, ער ווייס פון דער מציאות אז עס קען זיין א ילדות וואס זי זאל מבייש זיין, און אין דערויף ליגט ער כל ימיו ווי אזוי ער זאל דערפון ניצול ווערן, און ער האט דערגרייכט להיות "חסיד מעיקרו", אזוי אז ער קען זאגן "אשרי ילדותינו שלא ביישה כו'" -

איז אט דאס דערנעמט אים אין אזא אופן, אז עס ווערט א שמחה כזו, וואס דאס גיט דערנאך א מעגלעכקייט אז עס זאל זיין דער ראיית השמחה אפילו אין *דער* וועלט, עולם הזה הגשמי והחומרי.

ועד"ז: אפילו אט דער וואס "חטא ופגם ועבר את הדרך", איז אויך דא די עצה, וואס דאס איז דער "אשרי זקנותינו": "זקן - זה שקנה חכמה":

בשעת ער ווערט א חכם בחכמת התורה, "איזהו חכם הרואה את הנולד", וואס "אחריתו מרה כלענה" - איז אט דאס פועל'ט ביי אים אז די "זקנותינו" זאל מכפר זיין אויף "ילדותינו", און אויך - מיט דער מרוצה ווי בהיותו "במדבר יהודה", וואס דעמולט איז דא דער "צמאה לך" און "כמה לך".

ביז וואנענט אז מ'זאגט, און מ'גיט דערנאך א כח, אז אפילו אט דער וואס האלט אין שמחת ביה"ש, און ער איז נאך ניט געקומען צו דעם גאנצן ענין פון תשובה (ניט ווי די ערשטע צוויי סוגים - די חסידים ואנשי מעשה וואס זאגן "אשרי ילדותינו *שלא ביישה* את זקנותינו", ועאכו"כ די בעלי-תשובה וואס זאגן "אשרי זקנותינו *שכפרה* את ילדותינו") - איז אעפ"כ, אויך בא אים דא דער "אשרי מי *שלא חטא*":

אע"פ אז לפועל *לא* חטא, איז אבער שטייען - שטייט ער אין דעם *גדר* פון תשובה, דאס הייסט, אז אויך ער האט די התבוננות אין די ענינים, נאר וואס דען ער האט בא זיך גע'פועל'ט "שלא חטא".

און דאס גיט כח, אז "מי שחטא" איז "ישוב וימחול לו", אז ער האט אויך בכח, אפילו אז אויב ביז איצטער האט ער דאך נאך ניט תשובה געטאן - איז בשעתא חדא וברגעא חדא ווען ער איז "ישוב" איז דאן *גלייך* "וימחול לו", אין אזא אופן אז ער קען דערנאך זיין שמח אין דער שמחת ביה"ש ביחד מיט די חסידים ואנשי מעשה, בלי שום הבדל.

ז. וואס אט דאס איז דער כללות הענין וואס מ'זאגט אז שמחת ביה"ש קומט טאקע אין "ראשון לחשבון *עוונות*" - דערפאר וואס דוקא *דאס* ברייגגט ארויס די אמת'ע שמחה.

אזוי ווי אבער עס פאדערט זיך, אז דער "לפני ה' תטהרו" זאל דערנאך אראפקומען אין עבודה במשך כל השנה כולה, אן עבודה מיט יחידה שבנפש (וואס זי איז העכער פון שינויים, וואס דערפאר איז אויך ביי אים דא אן עבודה אמיתית במשך כל השנה כולה - ע"י העבודה שמצד בחי' היחידה) -

איז דאס קען זיין נאר דוקא ע"י ההתבוננות אין דעם לעו"ז, ווי אזוי "רע ומר עזבך את ה' אלקיך", וואס אויף דעם איז געגוג די "עזיבה" וואס די נשמה איז ירדה למטה,

איי וואס "*גרשוני* היום מהסתפח", איז וואס טויג אים די "קונצן" מיט די ביאורים - דערוויילע איז דאך ביי אים דער אופן פון זיין מעמד ומצב וואס ער איז א "*יש*" וואס עובד את הוי', במילא איז דאס ניט דאס וואס די נשמה איז געווען קודם ירידתה למטה.

און בשעת ער איז זיך מתבונן אין די אלע דריי אופנים, אדער ווי "חסידים ואנשי מעשה", אדער "בע"ת", אדער "אלו ואלו אומרים אשרי מי שלא חטא ומי שחטא ישוב וימחול לו" -

איז אט דעמולט פועל'ט ער די שמחה ניט נאר אין שמחת ביה"ש, נאר דערנאך איז ער אויך

שולל דעם ענין אז "לא ראה שמחה מימיו" - אז דערנאך איז ער רואה שמחה בכל ימיו. דאס הייסט, אז אין כל עניני העולם, איז ניט קוקנדיק אויף דערויף וואס עולם איז מלשון העלם והסתר, דא זעט זיך אן *טבע*, און אלקות דארף מען זוכן און מתבונן זיין זיך און איינ'טענה'ן מיט זיך ביז וואנענט מ'פועל'ט דאס ביי זיך -

איז למרות כל זה - ווערן ביי אים די עניני העולם אין אן אופן פון א שמחה - עבודת ה' בשמחה ובטוב לבב, דערפאר וואס ער טוט אויף, ע"י עבודתו, א דירה לו ית' בתחתונים, אין עוה"ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו, ווי דער רבי זאגט (תניא פל"ו), אז דוקא דא ווערט דער "ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דיבר".

ח. און בשעת מ'האט די התחלת העבודה בזה במשך זמן הגלות - איז אט דאס ברענגט אראפ ביז וואנענט עס וועט זיין דער "לתקן עולם במלכות שד-י", אז עס וועט ווערן די גאנצע וועלט אזוי, אז "ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו", "בשר" כפשוטו, ה"בשר" של כל אחד ואחת,

ביז וואנענט, ווי עס שטייט אין חסידות, אז אפילו אין דער "בשר" פון חיות ובהמות וועט זיך אנזען ווי אזוי דער "פי ה' דיבר".

---

1) מועתק בזה הנדפס בספר הניגונים ח"א (ע' נז) ע"ד הניגון:

נעימת הניגון מתאימה לזכרון התשובה בתוך זמן השמחה. התיבות לוקחו ממס' סוכה דף נג, א, מה שאמרו בעת שמחת בית השואבה בבית המקדש.

2) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשט"ז" ע' 47-49.

3) חלקה הראשון של השיחה עד כאן - נעתק לעיל (ליקוט ניגונים ח"א ע' יב ואילך).

4) ראה פרש"י (סוכה שם) ד"ה "אלו חסידים" - "כל חסיד הוי חסיד מעיקרו".

5) אור התורה דברים כרך ה' ע' ב'קמז.

6) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשכ"א" ע' 9טז-9כא.

7) סוכה נג, א.

8) בחלקה הראשון של השיחה (לא נעתק כאן).

9) ירמי' ב, יט.

10) ראה בארוכה בהנעתק לעיל (ליקוט ניגונים ח"א) על הניגון "צמאה לך נפשי".

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 2

*ה) אנא[1] עבדא דקודשא בריך הוא, דסגידנא קמי' ומקמי דיקר אורייתי', בכל עידן ועידן[2].*

[פיוט "בריך שמיא"[3]]

נלמד ע"פ הוראת כ"ק אדמו"ר שליט"א (ע"י הרה"ח הרה"ת וכו' ר' שניאור זלמן ע"ה טייבל, ששמעו מאת הרה"ח וכו' ר' שמעון ע"ה קלפר מניקאלייעב*[3]) בעת ההתוועדות דיום ב' דחג השבועות תשכ"ט.

**- א -**

בהתוועדות דיום ב' דחג השבועות תשכ"ט - אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א[4]:

א. בהמשך להאמור לעיל אז תורה איז לגמרי העכער פון וועלט, און ניט בערך לעולם, ניט ווי ראי' וואס האט א ערך צום גוף, איז דערפון פארשטאנדיק אז כדי צו נעמען תורה דארף זיין א תנועה בנפש באופן דבאין ערוך, בכדי צו מקבל זיין תורה וועלכע איז באין ערוך.

וואס בכלל אין די ענינים פון ריחוק הערך זיינען פאראן כמה וכמה סוגים ודרגות, אנהייבענדיק פון דעם לשון "גדול וקטן", וואס "גדול" קען דאך זיין אז "אין למעלה הימנו", און "קטן" אזא וואס "אין למטה הימנו", ווייזט דאך דאס אויף א גרויסען ריחוק הערך, אעפ"כ מעסטן זיי זיך אבער אין דער זעלבער מדידה, נאר דער איז א "גדול" און דער איז א "קטן".

בנוגע לשכל מיט גשמיות, קען מען ניט זאגן אז שכל איז א דבר גדול וגשמיות איז א דבר קטן, ווילע עס איז בכלל ניט אין דעם זעלבן סוג, נאר אין שכל גופא וואס דאס איז רוחניות קען זיין א ענין גדול און א ענין קטן, ועד"ז אין גשמיות גופא, קען זיין א דבר גדול ודבר קטן, אבער שכל לגבי גשמיות איז א אנדער סוג לגמרי, און מ'קען עס ניט זאגן בלשון קטן וגדול, וואס דערפון זעט מען אז קטן וגדול ווייזט אז סוכ"ס איז דא צווישן זיי א ערך.

עס איז פאראן נאך א ענין פון אב ובן, וואס כל מציאות הבן איז דאך מהאב, פונדעסטוועגן דערפון גופא, וואס כל מציאותו איז דאך אז ער איז דער בן פון דעם אב, ווייזט דאס דאך אויף דעם ערך הבן להאב, אז דער אב האט מוליד געווען א ענין וואס איז בערך אליו, וואס דערפאר קען מען פון דעם בן וויסן דעם אב.

ב. נאך א ווייטערער אין ערוך איז פאראן צווישן רב ותלמיד, וואס זיי האבן דאך ניט קיין שייכות זה לזה כלל, מער ניט וואס דער רב איז מלמד דעם תלמיד שכל. וואס וויבאלד אז דער שכל הרב איז באין ערוך צו דעם שכל התלמיד, דערפאר כדי ער זאל אים דאס געבען צו פארשטייען מוז ער אים געבען א משל פון א ענין וואס איז בעולם התלמיד, ובלאו הכי קען דער תלמיד ניט פארשטייען דעם שכל הרב, ווייל דער שכל הרב איז ניט אין זיין וועלט.

ע"ד ווי מ'געפינט כמה פעמים בדברי חז"ל, אז מ'זאגט "משל למלך בשר ודם", ד.ה. בשעת מ'וויל געבען א משל אויף דעם אויבערשטן, און מ'קען ניט פארשטייען דעם ענין ברוחניות, גיט מען א משל פון א מלך בשר ודם, ד.ה. פון איינעם וואס איז *בעולמו*, נאר דער מלך פון *זיין* וועלט, און דערפון קען מען פארשטייען ווי דאס איז ביים אויבערשטן.

ביז אז אמאל איז איין משל נאך ניט גענוג, וויבאלד אז אויך דער משל איז באין ערוך, און מ'דארף אנקומען צו נאך א משל. ביז ווי עס שטייט אויף שלמה, וואס ער איז געווען דער חכם מכל האדם, אז ער האט געזאגט שלשת אלפים משל, ד.ה. אז פון איין משל האט מען נאך ניט געקענט פארשטייען, נאר ער האט געדארפט געבען שלשת אלפים משל. וכמבואר בחסידות אז דאס איז געווען אין איין ענין דריי טויזענט משלים, איין משל אויף דעם אנדערן, ביז די חכמים שבדורו האבן געקענט פארשטייען. און עס איז ניט שלשת אלפים משל, נאר שלשת אלפים סוגי משל. אבער באמת איז פאראן מערער, און די ראי' אויף דעם, וואס אין חסידות שטייט אז די שלשת אלפי משל זיינען כנגד בי"ע, ובכל עולם ועולם איז פאראן אלף סוגים, איז דאך דאס מער ניט ווי אלף סוגים, אבער אין פרטים איז פאראן א סאך מערער.

פונדעסטוועגן איז דאך אבער פאראן אן ערך צווישן דעם רב ותלמיד.

ג. למעלה מזה איז דער ענין המלך וואס ער איז לגמרי באין ערוך מעמו. ביז אז "מאן דמחוי במחוג קמי מלכא" איז חייב דעם ענין פון היפך החיים, וואס דאס איז העכער ווי דעם אין ערוך פון אב ורב, וואס דערפאר איז דער דין אז "אב שמחל על כבודו כבודו מחול", און אזוי

אויך א רב, אויב ס'איז נאר "תורתו", קען ער מוחל זיין על כבודו, משא"כ א מלך, ואדרבה - "מאן דמחוי במחוג קמי מלכא" איז ער חייב כנ"ל.

זאגט מען אבער אז "אין מלך בלא עם", אז עס דארף זיין א מציאות "עם", הגם "עם - מלשון עוממות", אבער עס דארף פארט זיין א מציאות עם, ווייזט דאס שוין אויף א שייכות פון דעם מלך מיט דעם עם, ווי מ'זעט עס אויך פון וואס מען זאגט אז "משכמו ולמעלה גבוה מכל עם", וואס דאס הייסט אז זיין עניני הראש, שכל וכו', זיינען טאקע למעלה משאר כל העם, אבער שכמו, ד.ה. די נידעריקערע ענינים, זיינען טאקע בערך העם.

אמיתית הענין דאין ערוך איז עבד לאדונו, וואס עס איז ניט דער פירוש אז עס איז פאראן צוויי מציאות'ן, א מציאות פון א אדון און פון א עבד, און איינער איז בטל צום צווייטן, און פאלגט וואס דער צווייטער הייסט אים, נאר דער עבד איז אינגאנצן בטל צו דעם אדון, וכידוע בענין "מה שקנה עבד קנה רבו" (ראה חי' הרשב"א קידושין כג, ב), אז עס איז ניט דער פירוש אז פריער איז דער עבד קונה לעצמו, און דערנאך גייט עס איבער צום אדון, נאר גלייך ווי דער עבד קריגט דאס גייט דאס איבער צום אדון, ווי אחרונים ברייינגען ראיות צו דעם.

ד.ה. אז עס איז טאקע דא א מציאות פון א עבד, ער האט עשר כחות ביז אפילו כח השמחה והתענוג, ד.ה. די העכערע כחות, און מיט די אלע כחות איז ער בטל צום אדון, וכמבואר בחסידות בענין עבד נאמן, אז הגם ער האט אייגענע כחות, ביז כח התענוג, אבער זיין תענוג - דאס איז תענוג האדון, וואס פונקט ווי אין גוף האט דער עבד דעם גאנצן גוף מיט אלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים, ואדרבה ער דארף דאך זיין שלם בגופו כדי ער זאל ממלא זיין תפקידו בשלימות, און עס דארף זיין אויף דעם א השתדלות מיוחדת, און פונדעסטוועגען איז ער בטל להאדון, אזוי אויך בהכחות רוחניים שלו, איז הגם ער האט זיי, זיינען זיי אבער בטל צו דעם אדון.

וואס דאס איז ניט ווי מלך ועם, וואס דארטן זיינען טאקע אלע בטל, פונדעסטוועגען איז עס אבער ניט באופן ווי עבד להאדון. והראי' אז בין אנשי המדינה זיינען פאראן כמה דרגות, אנשי הצבא ושרי המלך ועבדי המלך, וואס דאס ווייזט אז ניט אלע זיינען בבחינת עבדים. הגם אז אויך בא א שר איז פאראן דער ענין פון מחוי במחוג ווי מ'זעט פון אורי' - וואס ער איז געווען א שר - אז בשעת ער האט גערופן יואב בפני דוד בשם אדון, האט דאס גורם געווען א ענין של היפך החיים, אעפ"כ איז דאס אבער ניט גלייך צו אן עבד. וואס דאס איז אמיתית ענין הביטול, ביטול העבד להאדון.

ד. דערפאר בשעת עס קומט צו מ"ת, אז מ'דארף נעמען תורה וואס איז באין ערוך, דארף זיין דער הרגש הנפש בענין שבאין ערוך, און דאס איז דער הרגש פון א עבד,

וואס דאס איז וואס מ'געפינט אז ביז מ"ת זיינען אידן טאקע געווען בנים, דער תואר "צבאות ה'" האט זיך אנגעהויבן גלייך ביי יציאת מצרים, אבער בשעת מ"ת זיינען זיי געווארן בבחינת עבד, וואס דאס איז א ביטול לגמרי. ווארום פריער זיינען זיי געווען עבדים לפרעה, ובשעת מ"ת ניט נאר וואס זיי זיינען געווארן אויס עבדי פרעה, נאר זיי זיינען געווארן עבדים לה', כמבואר בכמה וכמה פסוקים, און מיט דעם נעמט מען תורה.

און דאס איז וואס עס שטייט אין זהר, און מ'זאגט אין בריך שמי', "אנא *עבדא* דקודשא בריך הוא דסגידנא קמי' ומקמי דיקר אורייתי'", וואס דאס ווייזט אויף דעם הרגש פון א עבד.

און זייענדיק א עבד לה', ווערט ער א בעה"ב אויף וועלט, און ער האט דעם כח המלך, וואס "מאן מלכא - רבנן", וואס דאס איז נאך מערער ווי בר"ה, וואס דאן איז "תמליכוני עליכם", הרגש הביטול של עם להמלך, משא"כ בשבועות ווערט דער ביטול פון א עבד [חסר קצת].

וואס עי"ז וועט מען זוכה זיין לביאת משיח, דוד מלכא משיחא, "ועבדי דוד נשיא עליהם לעולם".

[כ"ק אדמו"ר שליט"א ציוה להרש"ז ע"ה טייבל ללמד את הניגון "אנא עבדא דקוב"ה". ואח"כ המשיך ואמר:]

ה. תורה איז דאך "כללות ופרטות נאמרה", איז ענין הנ"ל (בחינת התורה שלמעלה מעולם) פאראן אויך אין "אדם". ווי עס שטייט "זאת התורה אדם", אז בחינת התורה איז פאראן אויך אין אדם. דאף שהתורה היא למעלה מבחינת ציור, איז אבער אויך אין "אדם" פאראן דער "גולגולת" וואס איז מקיף על ה"ראש" ולמעלה מה"ראש". וואס "ראש" איז עיקרו

מוח וואס פון אים ווערט נמשך חיות לכל הגוף, איז די "גולגולת" אבער העכער אפילו פון דעם "ראש", בדוגמת התורה שהיא *למעלה* מבחינת "ראש".

און די גולגולת שבאדם איז דאס דער בחינת "*לא* אדם" שבאדם, ווי דער צ"צ איז מבאר בארוכה בד"ה דפ' יש בכור דעם טעם פון דער הלכה וואס "אין מעידין על פרצוף פנים אלא עם החוטם", ווייל דאס וואס איז העכער פון חוטם - גולגולת - איז דער לא אדם שבאדם.

כשם ווי ס'איז דא וואס איז *העכער* פון אדם, וואס דאס איז די גולגולת כנ"ל, אזוי איז אין אים אויך פאראן דער "לא אדם" וואס איז *נידעריקער* פון דעם אדם, וואס דאס איז דער ענין הרגל, וואס דאס איז למטה מציור גוף האדם, אבער אעפ"כ איז ער א חלק פון דעם אדם, בדוגמת הגולגולת וואס איז דער *לא* אדם *שבאדם*.

ומובן ענין זה מציור הספירות, ווארום דער אדם התחתון איז דאך בדוגמת האדם העליון, איז אזוי ווי מ'זעט דאס באדם העליון, איז עס אזוי אויך באדם התחתון.

וכהסיפור וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט אמאל דערציילט, אז ר' מענדל דער ברודער פון כ"ק אדמו"ר מהורש"ב נ"ע איז אמאל געווען אין ליובאוויטש - ו"חייב אדם לומר בלשון רבו", האט דער רבי געזאגט אז דער טאטע האט ניט ליב געהאט אז מ'האט אים מפסיק געווען פון דעם וואשן זיך ביז המוציא. אבער ר' מענדל זייענדיק א בעל התפעלות האט דערציילט, אז ער האט געהערט אדער געלייענט, אז א גרויסער דאקטאר, אדער פראפעסער, האט געפונען דעם טעם פארוואס אז בשעת מ'וויל זיך מעמיק זיין אין א שכל בייגט מען איין דעם קאפ, און בשעת מ'וויל זיך דערמאנען א שכל הייבט מען אויף די קאפ. דלכאורה זיינען דאך ביידע בשכל, איז פארוואס זעט מען תנועות הפכיות בנוגע די צווי ענינים? האט דער דאקטאר אויסגעפונען אז עס איז דא א "אדער" [= גיד] וואס אין אים איז דאס תלוי.

נאך דעם וואס דער רבי נ"ע האט געמאכט המוציא, האט ער געזאגט אז אזוי שטייט אין א מאמר פון מיטעלן רבי'ן אין דעם און דעם ביכל, און ער איז דארטן מוסיף דעם טעם, אז עס איז תלוי במהלך הדם וכו'.

וואס דא זעט מען אז א זאך וואס מ'האט בזמן פון דעם רבי'ן נ"ע אויסגעפונען, האט דאס געוואוסט דער מיטעלער רבי מיט עשיריות בשנים פאר דעם, און דער רבי נ"ע האט מוסיף געווען, אז דאס האט ער ניט געוואוסט דערפאר וואס ער האט געלערנט חכמת הרפואה, נאר דערפאר וואס ער האט אזוי געזען אין אדם העליון, האט ער פארשטאנען אז עס איז אזוי אויך אין אדם התחתון.

עד"ז בנוגע לענינינו, אז בנוגע דעם ענין ה"רגל" קען מען וויסן אין אדם התחתון לויט ווי דאס איז אין אדם העליון.

ו. געפינט מען בענין הספירות צוויי אופנים ווי זיי צו ציילן, אמאל שטייט אז נה"י איז דאס דער ענין פון רגלים, און אמאל שטייט אז רגלים איז לבר מגופא, און נהי"ם איז מתנים. זעט מען דאך אז אמאל רעכנט זיך רגלים אלס חלק מהגוף און אמאל לבר מגופא, זעט מען אז רגלים איז לבר מגופא ווי עס שטייט אין גוף,

וואס דאס איז ע"ד ווי פריער גערעדט בנוגע לגולגולת אז דאס איז א חלק מהגוף, נאר דער לא אדם שבאדם, אבער דאס איז דער ענין הכתר שבאדם, בחלק האדון שבאדם, עד"ז איז פאראן דער חלק הלא אדם שבאדם, אין דעם חלק העבד, וואס דאס איז רגלים.

לפי"ז, וויבאלד כנ"ל, כדי אויף נעמען תורה דארף מען זיין בבחינת עבדות, איז דאך מובן אז דאס איז פארבונדן מיט דער ענין הרגל, שענינו קבלת עול.

וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם מנהג טוב וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט איינגעפירט מ'זאל גיין ביו"ט לבתי כנסיות ולבתי מדרשות, משמח זיין אידן בשמחת יו"ט, ובאופן ד"רץ לדבר מצוה", און ווי רש"י זאגט אויף "וישא יעקב את רגליו", אז ער האט אויפגעהויבן די רגלים העכער מהראש, ד.ה. אז בהרגלים איז געווען דער ענין התענוג, וואס איז העכער פאר הבנה והשגה, און דאס איז נמשך געווארן אין רגל,

וואס דערפאר איז די גמרא אין גיטין, בשעת זי וויל ברייגנען א ראי' אז "שמועה טובה תדשן עצם", ברייגנט מען דאס מיט א מעשה פון א רגל, ווי תענוג האט גע'פועל'ט אויפן עצם פון רגל, און ווי דאס איז געווען ביי א אינו יהודי.

וואס א אינו יהודי בכלל איז דאך נידעריקער פון א איד, און אין דעם גופא בחלק הרגל שבו,

און בזה גופא אין דעם חלק וואו מ'טוט אן דעם נעל, וואס דאס איז דער חלק העקב שברגל. זעט מען דערפון אז תענוג קען נמשך ווערן בחלק הכי תחתון של הרגל.

וואס דאס איז פארבונדן דערמיט וואס דוד המלך - וואס זיין הילולא ויום הולדת איז דאך בשבועות, וואס דערפאר לייענט מען רות בחג השבועות - וואס ער איז נעים זמירות ישראל, האט געזאגט בתהלים "תמוך אשורי במעגלותיך בל נמוטו פעמי", וואס סיי "אשורי" און סיי "פעמי" מיינט דאס "רגלים", בעט מען אז בשעת דער אויבערשטער וועט תומך זיין "אשורי" אז עס זאל גיין "במעגלותיך" - בדרך התומ"צ, איז מען זיכער אז "בל נמוטו פעמי", וואס דאס איז דער פירוש הפשוט.

ז. עס איז דאך אבער ניט פארשטאנדיק: וויבאלד אז "פעמי" און "אשורי" האבן דעם זעלבן טייטש פארוואס שטייט דא "אשורי" און דא "פעמי". מ'געפינט טאקע אמאל אז מ'איז משנה צוליב יופי המליצה, בשעת עס שטייט צוויי מאל די זעלבע ווערטער אין איין פסוק, אבער עס איז פאראן כמה לשונות וואס מ'האט געקענט ניצן, פארוואס דוקא די צוויי, און אויך פארוואס פריער שטייט דער לשון "אשורי" און דערנאך דער לשון "פעמי". ובכלל איז דאך תורה בדיוק, איז אז עס שטייט די צוויי לשונות איז עס זיכער בדיוק.

איז דאס מובן פון דעם וואס דער צ"צ זאגט, בכמה וכמה מקומות, אז די ווערטער וואס האבן איין שורש ווי ער בריינגט כמה דוגמאות פון פארשידענע ווערטער וועלכע בריינגען זיך אין קונקורדנציא אונטער דעם זעלבן שרש, איז כאטש אז זייער פירוש ותוכן איז לכאורה שונה זה מזה, האבן זיי צווישן זיך א שייכות.

איז אין "אשורי" אויך פאראן צוויי טייטשן. "אשורי" - מלשון "תענוג", כמ"ש "כי אשרוני בנות", מלשון "אשרי", און אויך מלשון "רגל". איז דאך פארשטאנדיק אז עס איז פאראן א שייכות ביניהם[5],

וואס דאס איז, אז שכל קומט טאקע ניט אין רגל, אבער תענוג וואס איז למעלה מהשכל, דער ענין הגלגלתא שלמעלה מהמוח, וואס דערפאר פועל'ט תענוג אויף שכל, ווי עס שטייט "לעולם ילמוד אדם במקום שלבו חפץ", אז חפץ ותענוג פועל'ן אויף דעם שכל, אט דער תענוג קומט אראפ אין רגל, און ביז תחתית הרגל, ביז אין עקב שברגל, וואס איז דער חלק וואס אויף אים טוט מען אן די נעלים, כנ"ל. (וואס דאס איז אויך נוגע להלכה ווי די גמרא זאגט אין יבמות בנוגע לנעל וסנדל).

אויך דער ענין פון "פעמי" האט א שייכות לרגל ביז לעקב שברגל, וואס דאס ווייס מען פון א פסוק אין שה"ש וואס ער זאגט "מה יפו פעמיך בנעלים", זעט מען דאך אז "פעמיך" האט א שייכות צו נעלים וואס דאס טוט מען אן על החלק העקב שברגל.

אויף דעם זאגט מען אז בשעת עס איז "תמוך אשורי במעגלותיך", בשעת ער איז אין א תנועה של עבד, ובאופן אז ער האט "אשורי - תענוג", און דאס פועל'ט אין רגל, אז אין רגל איז ער ממשיך תענוג (כשני הפירושים שבאשורי) ביז אז דער תענוג האדון ווערט זיין תענוג, דאן איז "בל נמוטו פעמי".

ד.ה. אז עס דארף זיין דער תענוג אין "מעגלותיך", וואס דער טייטש פון "מעגלותיך" בפשטות איז דאס מלשון "נתיב ודרך", וואס ענינו איז אז דורך אים גייט מען ממקום למקום. איז אבער פאראן נאך א טייטש אין "מעגל - מלשון עיגול", שלכאורה איז דאך דאס פונקט פארקערט ווי נתיב ודרך, ווארום בא א עיגול קומט מען דאך צוריק להמקום שבו התחיל, היפך הנתיב וואס פירט צו א צווייטן מקום,

אבער באמת האבן זיי א שייכות, ווארום דאס איז דער ענין פון מ"ת, אז ס'איז אזוי ווי א עיגול. תורה קומט טאקע פון מעלה מעלה ביז למטה, עס איז "שעשועי המלך בעצמותו", אבער דערנאך נסעה וירדה למטה כמה מדריגות ובריחוק שלא בערך, וואס דאס איז דער ענין הנתיב ודרך, און אעפ"כ איז דאס ע"ד ווי א עיגול אז קומענדיק דא למטה דוקא, האט מען דעם עליון.

ווארום דוקא למטה האט מען דעם נותן התורה, ווארום "תורה לא בשמים היא", און דער אויבערשטער אליין זאגט "נצחוני בני נצחוני", און זאגט דאס באופן ד"חייך", ער איז בשמחה, וואס דאס ווייזט על התענוג שלמעלה. זעט מען דאך ווי דורך תורה למטה נעמט מען תענוג שלמעלה, בדוגמת ווי קודם שירדה למטה וואס עס איז אויך יעמולט געווען שעשועי המלך בעצמותו.

ד.ה. הגם עס איז נאר "מעגלותיך", א נתיב, ניט דרך המלך, וואס דאס ווייזט אז עס איז

געקומען אין א בירא עמיקתא, האט מען אבער אין דעם עצמות.

איז בשעת עס איז דא דער ענין פון "תמוך אשורי במעגלותיך", דאן איז "בל נמוטו פעמי", אז אפילו עס איז פאראן גבשושית[6] און ענינים המבלבלים, איז בשעת עס איז "תמוך אשורי במעגלותיך", איז "בל נמוטו פעמי" אז מ'האט ניט קיין מורא פאר קיין זאך אז עס וועט אים מזיק זיין.

ח. נאך מער: דער טייטש פון מעגלותיך, איז ניט נאר ווי פריער געזאגט, אז למטה האט מען דעם זעלבן ענין ווי למעלה, נאר אדרבה ער פועל'ט אין דעם א ענין חדש ובתוקף יותר, ע"ד ווי בא א ניגון אז בשעת עס קומט צום צווייטן מאל זינגט מען אים בתוקף יותר. ווי מ'געפינט בנוגע ל"כל נדרי", אז וויבאלד מ'דארף עס זינגען ג' פעמים דארף יעדען מאל זיין יגביה קולו קצת, ומנהגם של ישראל אז אזוי איז בא אלע ניגונים,

עד"ז איז עס בענין התומ"צ, אז דורך דעם קיום המצות למטה, פועל'ט מען א חיות חדש אין תומ"צ, ביז אז "נקראת על שמו". וכפירוש הרב המגיד אויף "וחי בהם", אז מ'גיט ארייין א חיות אין תומ"צ.

דערפאר האט זיך דער בעש"ט שטארק געקאכט אין "אמן יהא שמיה רבא" וואס דאס איז שייכות צו יעדערן אפילו צו קינדער, כמשי"ת להלן[7], ניט ווי בא תורה וואס עס איז פאראן חילוקים. און אין דעם איז פאראן דער אמת'ער תענוג, און ווי ער האט געזאגט אז אמן יהא שמיה רבא איז ר"ת אשרי, כמשי"ת לקמן[7], וכמארז"ל "כל העונה איש"ר בכל כחו הקב"ה מנענע בראשו", וואס ווי דער אלטער רבי טייטשט אז דער נענוע בראשו ווייזט אויף תנועת החיות, ד.ה. אז דורך דעם פועל'ט מען כביכול א חיות אין דעם אויבערשטן.

[מ'זאל זיך ניט דערשרעקן פאר אזא ווארט אין פנימיות התורה, ווארום מ'געפינט עד"ז אויך אין נגלה. די גמרא זאגט אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה, החייתני].

וואס דאס איז אז מ'דארף ממשיך זייך תענוג אין קב"ע, וואס דאס איז דער רגל ברוחניות, און אזוי אויך בגשמיות במצות התלויות ברגל, ווי עס שטייט אין ספר חרדים אויף יעדער מצוה צו וועלכען חלק פון גוף עס איז שייכות, ועד"ז זיינען פאראן מצות וועלכע זיינען שייכות צום רגל, ובפשטות איז דאס דער ענין פון "הוה רץ לדבר מצוה", ווי אמאל גערעדט באריכות, און געבליבן באמצע,

דאס איז די בקשה וואס מ'בעט "תמוך אשורי במעגלותיך", דער אויבערשטער זאל אונטערלייענען אשורי, זיי זאלן גיין בדרך התומ"צ, און מ'זאל וויסן אז דאס קומט פון דעם אויבערשטן און ניט אז "כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה", דאן איז מען זיכער אז "בל נמוטו פעמי", אז אפילו אין דעם חלק הכי תחתון שבאדם, דער חלק וואס אין אים איז מען מלביש דעם נעל, אויך אין אים ווערט נמשך דער תענוג.

ט. ווי מ'געפינט בנוגע ליוהכ"פ - וואס יוהכ"פ איז אויך שייך למ"ת, ווארום בו ניתנו לוחות אחרונות - אז בשעת עס דארף זיין דער ענין העינוי - היפך התענוג - פארבינדט מען דאס אז מ'טאר ניט אנטאן קיין נעל.

ובמילא העלפט דער אויבערשטער אז דער תענוג ווערט נמשך אין אלע מצוות, אויך במצות התלויות ברגל, ובאופן "דסגידנא קמי' ומקמי דיקר אורייתי'", און מ'איז דאס ממשיך לכל השנה כולה, אז מ'איז "רץ לדבר מצוה", ביז אז מ'איז רץ נגד משיח צדקנו במהרה בימינו.

יו"ד. די אלע וועלכע האבן זיך משתתף געווען אין דער תהלוכה זאלן זאגן לחיים, צוזאמען מיט דעם ניגון וואס מ'זינגט מיט דעם, און דערנאך זינגען "אנא עבדא דקוב"ה".

[ניגנו את הניגון "נאפאליאן'ס מארש", ואח"כ ניגנו את הניגון "אנא עבדא דקוב"ה"].

---

1) מועתק בזה הנדפס בספר הניגונים ח"ג (ע' נב) ע"ד הניגון:

ניגון זה מיוחס לחסידיו של כ"ק אדמו"ר האמצעי נ"ע מעיר ניעזין.

2) פירוש: אני הוא עבדו של הקב"ה, שאני משתחוה לפניו, ולפני כבוד תורתו, בכל עת ועת.

3) זח"ב רו, א.

*3) מרשימת הסעודות דיום א' דחה"ש תשכ"ט ("שיחות קודש - תשכ"ט" ח"ב ע' 488).

ושם: שכ"ק אדמו"ר שליט"א אמר שהכירו, והי' א חסיד'ישער איד.

4) הבא להלן נעתק מ"הנחת הת' בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשכ"ט" ח"ב ע' 134-141.

5) ראה שיחת ש"פ נשא שנה זו (תשכ"ט) ס"א.

6) תל קטן של עפר - ספר הערוך בערכו.

7) בשיחה שלאח"ז (לא נעתקה כאן).

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 2

*וא"ו) אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח, ואף על פי שיתמהמה עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא.*

[עיקר הי"ב - מה"י"ג עיקרים"[1]]

**- א -**

בהתוועדות דיום ב' דחג השבועות תשי"ג - ציוה כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן את הניגון "אני מאמין", וקודם שניגנו אותו אמר[2]:

בכלל אין ניגונים איז מען מחבב ניגונים פון רביים, ד.ה. די ניגונים וואס די רביים האבן זיי מחבר געווען אדער בוחר געווען, פונדעסטוועגען איז דעם ניגון וואס אידן האבן אים געזונגען בשעת זיי האבן זיך מוסר נפש געווען בפועל ממש על קדוש השם, וואס דאס איז נאר מצד דעם וואס זיי זיינען בני אברהם יצחק ויעקב, און ניט קוקענדיק אז זיי האבן גוט געוואוסט וואהין מען פירט זיי, זיינען זיי געגיינגען מיט א שטארקייט און געזונגען, איז מצד גודל מעלת המס"נ, און נאך דערצו באופן כזה גיין אויף מס"נ מיט א ניגון, האט אין זיך דער ניגון א ודאי א חביבות.

דער דין איז אז "חטה אחת פוטרת את הכרי", די חטה ווערט קדוש און זי איז דער שליח צבור פון דעם גאנצן כרי. דערמיט וואס אידן זיינען געגיינגען מיט דעם ניגון אויף מס"נ על קדוש השם, האבן זיי דעם ניגון מקדש געווען.

און וויבאלד עס שטייט אין תניא (פכ"ה) אז עיקר קיום המצות איז תלוי במסירת נפש, ד.ה. אז לבד מעלת המס"נ מצד עצמה וואס דאס קומט פון דער נקודת היהדות, איז קיום כללות המצות תלוי אין מס"נ, במילא איז לבד דעם חביבות הניגון כנ"ל, האבן זיי אריין געגעבן אין דעם ניגון א כח, אז די אלע וואס וועלן זינגען דעם ניגון, זאל דאס זיי געבן א חיזוק אין קיום התורה והמצות.

[ניגנו את הניגון "אני מאמין", ואח"כ בירך כ"ק אדמו"ר שליט"א ברהמ"ז על הכוס].

---

1) הובא בהקדמת הרמב"ם (בפירוש המשניות שלו) לפרק "חלק".

2) הבא להלן נעתק מ"הנחה בלתי מוגה", נדפסה בספר "שיחות קודש - תשי"ג" ע' 309-310.

---

Back to *"Likkut Niggunim"* Vol. 2